STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11082

ENGELS IN KAMF FARN REVOLYUTSYONERN MARKSIZM

Dmitri Zakharovitch Manouilskii

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



פראָלעטאריער פונ אלע לענדער, פאראייניקט זיכ!

VII
אלוועלטלעכער קאָנגרעס פונעם קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל

ד. מאנוילסקי

ענגעלס אינ קאמפ פארנ רעוואָלוציאָנערנ מארקסיזמ

5 אווגוסט 1935

פארלאג „עמעס"
מאָסקווע 1935

1. ענגעלס און זײַנ ראָליע אינעמ שאפנ דעמ וויסנשאפטלעכנ סאָציאַליזמ

מיט 40 יאָר צוריק איז געשטאָרבנ פרידריכ ענגעלס — דער נאָענטסטער מיטקעמפער פונ קארל מארקסנ, דער גרעסטער רעוואָליוציאָנערער דענקער פונ דער מענטשהײַט, דער אָרגאניזאטער און פירער פונ דער אינטערנאציאָנאלער פראָלעטארישער פארטיי. די נעמענ פונ מארקסנ און ענגעלסנ וועלנ אפ שטענדיק בלײַבנ אינעמ זיקאָרנ פונ די פעלקער ווי די נעמענ פונ צוויי גרויסע געניס — די שעפער פונעמ וויסנשאפטלעכנ סאָציאַליזמ און די גרונטלייגער פונ דער קאָמוניסטישער וועלט-באוועגונג.

ענגעלסעס רעוואָליוציאָנערע טעטיקײַט איז ענג פארבונדנ מיטנ לעבנ און מיט דער טעטיקײַט פונ מארקסנ.

„די פארצײַטיקע לעגענדעס, — האָט מיט 40 יאָר צוריק געשריבנ לענינ, — דערציילנ וועגנ פארשיידענע רירנדיקע בײַשפילנ פונ פרײַנטשאפט. דער אייראָפייִשער פראָלעטאריאַט קאָנ זאָגנ, אז זײַנ וויסנשאפט האָבנ געשאפנ צוויי געלערנטע און קעמפער, וואָס זייערע באציִונגענ שטײַגנ אריבער אלע די סאמע רירנדיקע לעגענדעס פונ פארצײַטנס וועגנ מענטשלעכער פרײַנטשאפט”.[1]

דער פערציקסטער יאָרטאָג פונ ענגעלסעס טויט, וואָס מיר פארצייכענענ הײַנט, פאלט צונויפ מיט אנ איבערבראָכ אינ דער אלוועלטלעכער ארבעטער-באוועגונג, מיט א קער — אונטער דער ווירקונג פונעמ

1 לענינ, פרידריכ ענגעלס, ווערק, ב. I, ז. 414, 3-טע אופלאגע.

זיג פונעם סאָציאַליזם אין פּסור און דעם טיפסטן קריזיס פונעם קאַפּיטאַליזם — פון די ברייטסטע מאסן סאָציאַל-דעמאָקראטישע און אומפּאַרטייִשע ארבעטער צום קאָמוניזם, מיט א פארגיכערטער צעפאלונג פונעם II אינטערנאציאָנאל.

דער זיג פונעם פּראָלעטאַריאַט אין פּסור, דער וווּקס פון דער קאָמוניסטישער באוועגונג אין דער גאנצער וועלט איז א דירעקטער רעזולטאט דערפון, וואָס די פּארטיי באָלשעוויקעס, לענינס און סטאלינס אינטערנאציאָנאלע פּארטיי, איז ביזן סאָף געבליבן טרײַ מארקס און ענגעלסעס לערע.

די צעפאלונג פונעם II אינטערנאציאָנאל, די מפּלה און דער באנקראָט פון זײַנע פּארטייען איז א היסטאָריש אומפארמײַדלעכער רעזולטאט פון זייער אָפּטריניקײַט פון מארקס און ענגעלסעס לערע, פונעם וואולגאריזירן און פארקריפּלען דעם מארקסיזם. פאר דער דאָזיקער אָפּטריניקײַט קומט איצט אויס מיליאָנען ארבעטנדיקע צו באַצאָלן—אין קלעם פונעם קריזיס, אף די טליִעס און אין דער קאַטערגע פונעם פאשיזם, אין די שוצגראָבנס פון די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמעס, וואָס צעפלאקערן זיך.

די אָפּאָרטוניסטן פונעם II אינטערנאציאָנאל פון אלע קאָלירן—בערנשטיין, קונאָ, קאוטסקי, וואנדערוועלדע און זייער גלײַכן האָבן באשולדיקט ענגעלסן אין אלע שטערבלעכע זינד, קעגנשטעלנדיק מארקסן און ענגעלסן איינעם קעגן דעם אנדערן, פּרוּווּנדיק „אָפּלייקענען“ אי דעם אי יענעם, און אין טאָכ גענומען אויסהוילן דעם רעוואָליוציאָנערן גײַסט פונעם מארקסיזם. און עס איז ניט צופעליק, נאָר איינגאנצן געזעצמעסיק און אומפארמײַדלעך, וואָס די *רעוויזיאָניסטן* אינעם II *אינטערנאציאָנאל*, וועלכע האָבן זיך די ערשטע צײַט באוואָפנט גראָד קעגן ענגעלסן אין אלע גרונט-פראגן פון טעאָריע און פּראקטיק, זײַנען אריבער אף די פּאָזיציעס פון מיטארבעט מיט דער בורזשואזיע און האָבן זיך ביסלעכווײַז אראָפּגעקײַקלט אין זומפּ פון רעאקציע.

פון סאמע אָנהייב פון זײַן רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט פירט ענגעלס צוגלײַך מיט מארקסן א קאמף פאר דער באגרינדונג און אנטוויקלונג פונעם וויסנשאפטלעכן סאָציאַליזם אפן *געביט פון*

עקאָנאָמיק און געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן, אפֿן געביט פֿון פֿילאָסאָפֿיע און נאַטורוויסנשאַפֿט, אַ קאַמף פֿאַר אַלץ אַ ברייטערער אײַנגלידערונג פֿונעם רעוואָליוציאָנערן מאַרקסיזם אינעם באַוווסטזײַן פֿון די פּראָלעטאַרישע מאַסן.

אינעם קאַמף קעגן די דײַטשישע, „עכטע" סאָציאַליסטן — די דאָזיקע שיינמוטיקע „קויהאַנים-גדולים פֿון מענטשלעכער גערעכטיקײַט און רעכט", די דאָזיקע אָנגעבלאָזענע נעוויִים פֿונעם „קלאַסן־שאָלעם" און פֿון „שאָלעם צווישן די פֿעלקער" אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט, די דאָזיקע פֿאַלשע פּאַציפֿיסטן און ווייכלײַביקע הומאַניסטן — לערנט ענגעלס די פּראָלעטאַרישע מאַסן אָנראַכמאָנעסדיקן האַס צום קלאַסן-סוינע, ער רופֿט ענדגילטיק צו צערײַסן מיט אים און מיט זײַנע אידעאָלאָגישע לאַקייען — די גאַלאָכים, אַדוואָקאַטן, פּאַרלאַמענטאַריער.

קעגן די לאַסאַליאַנער — די „קיניגלעך-פּרײַסישע סאָציאַליסטן", וואָס האָבן געלעקט ביסמאַרקס באָטפּאָרטן, מיט זייער „מעלוכישן אָבערגלויבן", מיט זייערע אידעאַליסטישע פֿאָרורטיילן און דראָשעס וועגן „אַלגעמיין-מענטשלעכע רעכט", מיט זייער „אײַזערנעם געזעץ פֿון אַרבעטלוין", וואָס לייקנט אָפּ דעם זעלבשטענדיקן עקאָנאָמישן קאַמף און די זעלבשטענדיקע פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע פֿונעם אַרבעטער-קלאַס, פֿירט ענגעלס אַ פֿאַרביטערטן קאַמף. פֿאַרטיידיקנדיק און פּאָפּולאַריזירנדיק מאַרקס פּאָליטישע עקאָנאָמיע, אונטערשטרײַכנדיק די ענגע פֿאַרבינדונג צווישן דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף פֿונעם פּראָלעטאַריאַט, דעקט אויף ענגעלס דעם רעפֿאָרמיסטישן טאָך פֿונעם לאַסאַליאַניזם, זײַן צופּאַסן זיך צו דער יונקעריש-בורזשואַזער מעלוכע, זײַן פֿאַראַט דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

קעגן דעם פּרודאָניזם און באַקוניזם, די דאָזיקע קלײנבירגערלעכע, רעאַקציאָנער-אוטאָפּישע, אַנאַרכיסטישע שטרעמונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָבן אָנשטאָט דעם רעוואָליוציאָנערן מאַסן־קאַמף אונטערגעשטעלט פּראַזעס וועגן „קעגנזײַטיקער הילף דורך פֿרידלעכער קאָאָפּעראַציע", וועגן „גלײַכהײַט פֿון די קלאַסן", וועגן „צעשטערן אַלע און אַלערליי מעלוכעס", — פֿאַרטיידיקט ענגעלס די נייטיקײַט פֿון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי פֿונעם פּראָלעטאַריאַט,

פונ פּאָליטישנ קאמפּ פאר דער דיקטאטור פונעמ ארבעטער־קלאס.

אינ קאמפּ קעגנ אלע פּסעוודאָ־סאָציאליסטישע אונ פּסעוודאָ־רעוואָליוציאָנערע טעאָריעס האָט ענגעלס, ארויסגייענדיק פונעמ מארקסיסטישנ אנאליז פונ די עקאָנאָמישע פארהעלטענישנ פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט, דערוויזנ די אומפארמײַדלעכקײַט אראָפּצוווארפנ מיט גוואלט די בורזשואזיע אונ די אלוועלטלעכ־היסטאָרישע ראָליע פונעמ פּראָלעטאריאט אלס קאברענ פונעמ קאפּיטאליזמ אונ שעפער פונ א נײַער, סאָציאליסטישער אָרדענונג. צוזאמענ מיט מארקסנ האָט ענגעלס דערוויזנ, אז דער קלאסנקאמפּ פירט צו דער דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט אלס מעלוכע פונעמ איבערגאנג־פּעריאָד פונ קאפּיטאליזמ צו קאָמוניזמ, אז אָנ דער אָנפירונג פונ זײַנ אייגענער זעלבשטענדיקער פּאָליטישער פּארטיי וועט דער פּראָלעטאריאט ניט זיגנ אינ דעמ דאָזיקנ קאמפּ.

אנ עכט־וויסנשאפטלעכער אנאליז, וואָס דרינגט ארײַנ אינ סאמע וועזנ פונ די היסטאָרישע דערשײַנונגענ, פונ די עקאָנאָמישע אונ פּאָליטישע פּראָצעסנ, פּאָרט זיכ צונויפ בא ענגעלסנ מיט דער פלאמיקער לײַדנשאפט פונ א פירער אונ א לערער פונעמ פּראָלעטאריאט, וואָס רופט די ארבעטער־מאסנ צומ רעוואָליוציאָנערנ קאמפּ. דער וויסנשאפטלעכער סאָציאליזמ באלײַכט די גאנצע פארגאנגענהײַט, קעגנווארט אונ צוקונפט פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט, ווײַזט דעמ פּראָלעטאריאט, וואָס עס זײַנענ געווענ די עקספּלואטירטע אונ פארשקלאפטע קלאסנ ביז אימ, וואָס איז ער אליינ אונ וואָס דארפ ער ווערנ. אונ דעריבער,—האָט ענגעלס געלערנט די ארבעטער,—האנדלט לויט דער דאָזיקער רעוואָליוציאָנערער טעאָריע, קעמפט פאר דער פּראָלעטארישער דיקטאטור, אונ אײַער באפרײַונג וועט זײַנ די באפרײַונג פונ דער גאנצער מענטשהײַט, דער סאָפ פונ יעטווידער עקספּלואטאציע, אונטערדריקונג אונ גוואלט!

דער דאָזיקער געדאנק וועגנ דער איינהײַט פונ דער רעוואָליוציאָנערער טעאָריע אונ דעמ רעוואָליוציאָנערנ טאט גייט דורכ ווי א רויטער פאָדעמ דורכ ענגעלסעס אלע וויסנשאפטלעכע ווערק, דורכ אלע פּאָלעמישע ארטיקלענ אונ פּארטייִשע דירעקטיוונ.

אפנ געביט פונ פאליטישער עקאנאמיע פארמולירט ענגעלס דעמ אומפארענדערלעכנ געזעצ פאר אלע עקספלואטאטארישע געזעלשאפטנ:

„יעדער שריט פארויס אינעמ געביט פונ דער פראדוקציע באטײַט גלײַכצײַטיק א שריט צוריק אינ דער לאגע פונעמ אונטערדריקטנ קלאס, דה. פונ דער באדײַטנדיקער מערהײַט. יעדער וויל פאר איינע איז אומבאדינגט א בייז פאר אנדערע, יעדע נײַע באפרײַונג פונ איינ קלאס איז א נײַע אונטערדריקונג פארנ אנדערנ".[1]

אינעמ קאפיטאליזמ באקומט דער דאזיקער אינערלעכער ווידערשפרוכ פונ דער עקספלואטאטארישער געזעלשאפט זײַנ סאמע העלנ אויסדרוק. דער לעבעדיקער טרעגער פונ דעמ דאזיקנ ווידערשפרוכ איז דער פראלעטאריאט, דער קלאס, וואס האט ניט קיינ שומ פראדוציר־מיטלענ, אונ דעריבער טאקע דער סאמע רעוואלוציאנערער קלאס צווישנ אלע עקספלואטירטע קלאסנ, וואס די געשיכטע האט ווענ־עס־איז געוווסט. ענגעלס זאגט:

„פארוואנדלענדיק א קעסיידער וואקסנדיקע מערהײַט באפעלקערונג אינ פראלעטאריער, שאפט דער קאפיטאליסטישער פראדוציר־אופנ א קראפט, וואס אונטער דער שרעק פונ אייגענעמ אונטערגאנג מוז זי דורכפירנ די דאזיקע איבערקערעניש".[2]

אינ איינעמ פונ זײַנע סאמע פריִיקע ווערק גיט ענגעלס א דערשיטערנדיקע לויט איר הארבער עמעסדיקײַט כאראקטעריסטיק פונ דער לאגע פונעמ ארבעטער־קלאס באמ קאפיטאליזמ. עס איז אריבער העכער 90 יאר. לייענט איצט איבער די דאזיקע כאראקטעריסטיק פאר יעטווידער ארבעטער פונ א קאפיטאליסטיש לאנד, אונ ער וועט, ווי אינ א שפיגל, דערזענ אינ איר זיכ אליינ אונ דעמ שיקזאל, אפ וועלכנ עס פארורטיילט אימ דער קאפיטאליזמ:

1 ענגעלס. די אפשטאמונג פונ דער פאמיליע, פונעמ פריוואט־אייגנטומ אונ פונ דער מעלוכע. קאפ. IX, ז. 208, אימעל—פארטיזדאט, 1933 י.

2 ענגעלס. אנטי־דיורינג, אפטייל III—„סאציאליזמ", מארקס אונ ענגעלס, ווערק, ב. XIV, ז. 283.

„אויב א מענטש ברענגט א צווייטן א פיזישן שאָדן, און אזא שאָדן, וואָס ברענגט מיט זיך דעם טויט פונעם געליטענעם, רופן מיר דאָס אָן מאָרד; אויב דער מערדער האָט פאָרויס גע-ווּסט, אז דער דאָזיקער שאָדן וועט זיין א שטערבלעכער, רופן מיר אָן דעם דאָזיקן טאַט בעקיוונדיקער מאָרד. אויב אָבער די געזעלשאַפט שטעלט הונדערטער פּראָלעטאַריער אין אזא לאַגע, אז זיי זיינען אומפאַרמיידלעך פאַרורטיילט אַף א פריצייטיקן, אומנאַטירלעכן טויט, אַף א טויט, וואָס איז פּונקט אזוי געוואַלט-זאַם, ווי טויט פון א שווערד אָדער פון א קויל; אויב זי נעמט אַף בא טויזנטער מיטגלידער אירע די נייטיקע לעבנ-באַדינגונגען, שטעלט זיי אין באַדינגונגען, בא וועלכע זיי ק א ָ נ ע נ ניט לעבן; אויב זי צווינגט זיי מיט דער שטאַרקער האַנט פון געזעץ צו לעבן אין די דאָזיקע באַדינגונגען, ביז עס וועט ניט קומען דער טויט, ווי א נויטווענדיקער רעזולטאַט; אויב זי ווייס, ווייס זייער גוט, אז טויזנטער מוזן פאַלן א קאָרבן פון אזוינע באַדינגונגען, און זי באַזייטיקט פונדעסטוועגן ניט די דאָזיקע באַדינגונגען, — איז דאָס פּונקט אזא מאָרד, ווי א מאָרד פון אן איינצלנער פּערזאָן, נאָר א מאָרד א געהיימער, א כיטרער, וואָס פון אים קאָן זיך קיינער ניט אָפּהיטן, וואָס האָט ניט דעם אויסזען פון א מאָרד, ווייל מע זעט ניט דעם מערדער, ווייל דער דאָזיקער מערדער זיינען אלע און קיינער ניט, ווייל דער טויט פונעם קאָרבן האָט דעם אויס-זען פון א נאַטירלעכן טויט".[1]

באַם קאַפּיטאַליזם שטייען די געצייג, די מאַשינעס, די ערד קעגן דעם אַרבעטער-קלאַס ווי א פרעמדע און פיינטלעכע צו אים קראַפט. דער העכסטער אויסדרוק פון דעם דאָזיקן אַנטאַגאָניזם זיינען די פּע-ריאָדישע קריזיסן, וואָס דערשיטערן די עקספּלואַטאַרישע אָרדע-נונג ביזן גרונט אירן, וואָס באַווייזן די הערשנדיקע קלאַסן זייער גאַנ-צע אומפעייקייט צו רעגירן איבער די קרעפטן, וואָס זיי האָבן אַליין אַרויסגערופן צום לעבן, קרעפטן, וואָס ווילדעווען, ווי א בלינדע סטיכיע, איבער דער גאַנצער מענטשהייט, וואָס פאַרוויסטן בליִענדיקע לענדער,

1 ע נ ג ע ל ס, די לאַגע פונעם אַרבעטער-קלאַס אין ענגלאַנד. מ א ר ק ס און ע נ ג ע ל ס, ווערק, ב. III, ז. 388—389.

שטעט און דערפער און פארורטיילן מיליאָנען מענטשן אַפ אונטערגאנג און דעגענעראציע.

ענגעלס האָט באוויזן, וויאַזוי די אנטוויקלונג פונעם פראָלעטאריאַט, וואָס זײַנ לעבנ־לאגע שטויסט אים צו דער סאָציאַלער רעוואָליוציע, און די אנטוויקלונג פון די פראָדוציר-קרעפטנ, וואָס זײַנען אריבערגעוואקסנ די ראמענ פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט מוז אומפארמײַדלעכ אופרײַסנ די דאָזיקע ראמענ, מוז ברענגענ צו דער סאָציאַלער רעוואָליוציע.

און אינ צוזאמענהאנג דערמיט האָבנ מארקס און ענגעלס ארויסגערוקט „דעם נאָענטסטנ ענדציל“ — ארָאָפווארפנ די מאכט פון דער בורזשואזיע און אײַנשטעלנ די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאַט. דאָס איז דער איקער אינעם מארקסיזם.

אינעם קאמפ פארנ רעוואָליוציאָנערנ מארקסיזם ארבעט ענגעלס פאנאנדער מיט דער מאקסימאלסטער קלאָרקײַט די פראגע וועגנ דער קעגנזײַטיקער ווירקונג פון דער עקאָנאָמיק און דער פאָליטיק אינ דער גאנצער געשיכטע פון דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג און אַפ דער דאָזיקער באזע — די פראַגע וועגנ דעם טאָכ פון דער מעלוכע פון די עקספלואטאטארישע קלאסנ. אינ א גענעראַלער סקיצע גיט ער אויכ די אלגעמיינע קאָנטורנ פון דער בויונג פונעם סאָציאַליזם.

ענגעלסעס טיפסטער אנאליז, וואָס כאפט ארום די גאנצע אזוי־גערופענע „ציוויליזאציע“, דה. די געשיכטע פון די עקספלואטאטערישע קלאסנ און פון זייערע מעלוכעס, ברענגט צו דעם אויספיר, אז די פארשווינדונג פון די קלאסנ און מעלוכעס איז פונקט אזוי היסטאָריש נויטווענדיק, ווי זייער אנטשטייונג און אנטוויקלונג ביז דער איצטיקער צײַט.

„אינ דער איצטיקער צײַט, — האָט געשריבנ ענגעלס, — דערנעענטערנ מיר זיכ מיט שנעלע טריט צו אזא אנטוויקלונג-שטופע פון דער פראָדוקציע, אַפ וועלכער די עקזיסטענצ פון די דאָזיקע קלאסנ האָט ניט נאָר אופגעהערט צו זײַנ א נויטווענדיקײַט, נאָר זי ווערט א דירעקטע שטערונג פאר דער פראָדוקציע“.1

1 ענגעלס, די אָפשטאמונג פון דער פאמיליע, פונעם פריוואט־אייגנטום און פון דער מעלוכע, קאפ. IX, ז. 204, אימעל — פארטיזדאט, 1933 י.

עס איז באוווסט, וואָס פאר א ווילדן געהויל, וואָס פאר א מעשוגאס און קאס די דאָזיקע האנאָכע פונעם מארקסיזם — וועגן דעם, אז די קלאסן און די מעלוכעס מוזן אומפארמיידלעך פארשווינדן, — האָט ארויסגערופן און רופט ארויס בא אלע פארקויפטע אדוואָקאטן פון דער בורזשואזער אָרדענונג און פונעם בורזשואזן אייגנטום, וואָס פאר אן אידיאָטישן ניט־פארשטיין זי האָט געטראָפן און טרעפט נאָך בא די אלע בערנשטיינס און קאוטסקיס, פאר וועמען די בורזשואזע מעלוכע, א ביסל א צוגעפארבטע און א רעפאָרמירטע, איז די העכסטע פולקומענקייט פון מענטשלעכן פראָגרעס.

אין זיין קאמף סיי קעגן די סאָציאל־דעמאָקראטישע אָפּאָרטוניסטן סיי קעגן די אנארכיסטן האָט ענגעלס געשטעלט אפן ערשטן פלאן די פראגע וועגן דער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט און באזונדערס די פראגע וועגן דעם ראדיקאלן אונטערשייד צווישן דער מעלוכע פון עקספּלואטאטערס און דער פראָלעטארישער מעלוכע. די לערע פונעם רעוואָליוציאָנערן מארקסיזם וועגן מעלוכע און רעוואָליוציע און באזונדערס ענגעלסעס מערקווירדיקע סקיצן איבער דער פראגע וועגן פראָלעטארישער דעמאָקראטיע אין קעגנגעוויכט צו בורזשואזער דעמאָקראטיע האָבן באקומען א געניאלע אנטוויקלונג אין לענינס און סטאלינס ווערק.

וואָס פאר אן אומבאשטרייטבארע באשטעטיקונג עס געפינט גראָד איצט, אין די באדינגונגען פונעם אָנגריף פון רעאקציע און פאשיזם אין די קאפּיטאליסטישע לענדער, די לערע פונעם מארקסיזם־לעניניזם וועגן דער מעלוכע אלס אָרגאן פונעם עקספּלואטאטערישן קלאס אפ איינצוהאלטן אין אונטערטעניקייט דעם עקספּלואטירטן קלאס! ווי שענדלעך עס זיינען צעשטרייט געוואָרן די ליגנערישע דריידלעך פון די סאָציאל־דעמאָקראטישע פיליסטערס וועגן דער מעלוכע אלס „אויסדריקערן פון די אלגעמיינע אינטערעסן פונעם פאָלק", וואָס מאכט קלוימערשט שאָלעם צווישן די אינטערעסן פון די אנטאגאָניסטישע קלאסן און וואָס שטייט איבער זיי. און וואָס פאר א באשטעטיקונג עס באקומען היינט, באזונדערס אין די פאשיסטישע לענדער, ענגעלסעס ווערטער וועגן דעם, אז די מעלוכע — דאָס זיינען באוואָפנטע אָפּטיילן, די פּאָליציי, די ארמיי, טפיסעס און געריכטן.

די פאשיסטישע לאנדסקנעכט פונעמ פינאנצ-קאפיטאל, די געשטאפּאָ, היטלערס אונ גערינגס שוצ־אָפּטיילונגענ, די פאשיסטישע הענקערשטיבלעכ, די קאָנצלאגערנ אונ עשאפּאָטנ — דאָס אלצ אנטבלויזט דעמ סאמע טאָכ פונ דער עקספּלואטאטארישער מעלוכע, וואָס ווארפט פונ זיכ אראָפּ די בלישטשענדיקע באפּוצונג פונ דער בורזשואזער דעמאָקראטיע, וואָס צעטרעט די לעצטע רעשטלעכ דעמאָקראטישע רעכט אונ פרײַהײַטנ, וועלכע די ארבעטנדיקע האָבנ דעראָבערט אינ לאנגיאָריקנ בלוטיקנ קאמפּ. אונ וואָס וועלנ זאָגנ אינ אָנגעזיכט פונ די אלע אומדערבארעמדיקע פאקטנ יענע, וואָס, באנאליזירנדיק אונ פארקריפּלענדיק דעמ מארקסיזמ, האָבנ זיי אָפּגעוואָרפנ דעמ וועג פונ פּראָלעטארישער רעוואָליוציע אונ האָבנ צוזאמענ מיט נאָסקענ אונ זעווערינגנ פארטיידיקט די בורזשואזע מעלוכע קעגנ דעמ אָנדראנג פונ די רעוואָליוציאָנערע מאסנ?

קעגנשטעלנדיק דער דיקטאטור פונ דער בורזשואזיע די דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט, האָבנ מארקס אונ ענגעלס דאָס גאנצע לעבנ געקעמפּט פאר שאפנ אזא פארטיי, וואָס זאָל קאָנענ פירנ די מאסנ צומ פארכאפּנ די מאכט אונ אײַנשטעלנ די פּראָלעטארישע דיקטאטור. אינ איינ פּונקט שלאָגנ נאָכ דער פאריזשער קאָמונע אלע ענגעלסעס אָנווײַזונגענ איבער דער פראגע וועגנ די ערשטרייִקע אופגאבנ פונעמ פּראָלעטאריאט אינ דער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע: אויסנוצנ די דערפארונג פונ דער פאריזשער קאָמונע, וואָס דארפ געלייגט ווערנ אינ גרונט פונ דער פּראָגראמ פונ די נײַע מאסנ־פארטייענ פונעמ פּראָלעטאריאט.

„די לעצטע צײַט הייבט דער סאָציאל-דעמאָקראטישער
פיליסטער ווידער אָנ צו פילנ א פאנישע שרעק באַ
די ווערטער דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט.
ווילט איר וויסנ, גנעדיקע הערנ, ווי עס זעט אויס די
דאָזיקע דיקטאטור? טוט א קוק אפ דער פאריזשער קאָמונע.
דאָס איז געווענ די דיקטאטור פונעמ פּראָלעטאריאט”, —
האָט ענגעלס געשריבנ ניט לאנג פארנ טויט, אינעמ צוואנציקסטנ יאָרטאָג פונ דער פאריזשער קאָמונע.[1] בלויז די באָלשעוויקעס

1 ענגעלס, מיקויעכ דעמ בירגערקריג אינ פראנקרײַכ, זע ק. מארקס אויסגעוויילטע ווערק, ב. II, ז. 357. פארטיזדאט, 1933 יאָר.

האָבנ נאָכ אינ 1903 יאָר אײַנגעשלאָסנ די פאָדערונג פונ דיק-טאטור פונעמ פראָלעטאריאט אינ זײער פראָגראמ. אינ 1917 יאָר האָט לענינ, ציטירנדיק ענגעלסעס אונ מארקס װערטער װעגנ דער דערפארונג פונ דער קאָמונע, געשריבנ:

„באמ איבערקוקנ די פראָגראמ פונ אונדזער פארטײ דארפ מענ אומבאדינגט נעמענ אינ אכט ענגעלסעס אונ מארקס אײצע, קעדײ צו זײַנ נעענטער צומ עמעס, קעדײ צוריק אופשטעלנ דעמ מארקסיזמ אונ אָפרײניקנ אימ פונ פארקריפלונגענ, קעדײ ריכטיקער צו ריכטנ דעמ קאמפ פונעמ ארבעטער-קלאס פאר זײַנ באפרײַונג[1]."

בלויז די באָלשעװיקעס האָבנ אונטער לענינס אונ סטאלינס אָנפירונג געשטעלט אלס נאָענטסטנ ציל פונ דער פראָלעטארישער רע-װאָליוציע דאָס שאפנ א מעלוכע „פונעמ טיפ פונ דער קאָמונע". דערגאנצנדיק די דערפארונג פונ דער קאָמונע מיט דער רײַכסטער דערפארונג פונ די צװײ רוסישע רעװאָליוציעס, האָבנ זײ באװיזנ צו פירנ נאָכ זיכ מיליאָניקע מאסנ פונעמ פראָלעטאריאט אונ פונעמ אָרעמסטנ פויערטומ אפ צעברעכנ די בורזשואזע מעלוכע אונ אײַנ-שטעלנ א פראָלעטארישע דיקטאטור אינ דער פאָרמ פונ ראטנ.

ענגעלס האָט גערעדט װעגנ דעמ, אז דער קלאסנקאמפ פונעמ פראָלעטאריאט װעט באקומענ זײַנ גרעסטנ שװונג דאנ, װענ דער פראָלעטאריאט װעט פארכאפנ די מאכט אינ זײַנע הענט אונ װעט מיט דער הילפ פונ זײַנ דיקטאטור צוטרעטנ ראדיקאל איבערצומאכנ אלע פראָדוציר-פארהעלטענישנ.

אפ א זעקסטל פונ דער װעלט האָט הײַנט דער שעפערישער מארקסיזמ אינ אומקאָמפראָמיסלעכנ רעװאָליוציאָנערנ קאמפ, אינ דער גרויסער לאבאָראטאָריע פונ סאָציאליסטישער ארבעט אונ געדאנק, אונטער לענינס אונ סטאלינס אָנפירונג, באקומענ אונ באקומט מיט יעדנ טאָג זײַנ אלװעלטלעכ-היסטאָרישנ פארנעמ. דער געזיגטער פראָלעטאריאט מאכט די עפּאָכע, װעגנ װעלכער ענגעלס זאָגט:

„... דער פראָלעטאריאט פארכאפט די געזעלשאפטלעכע מאכט אונ מיט דער הילפ פונ דער דאָזיקער מאכט פארװאנדלט ער אינ א געזעלשאפטלעכ אײגנטומ די געזעלשאפטלעכע פראָ-

1 לענינ, מעלוכע אונ רעװאָליוציע, װערק, ב. XXI, ז. 414, 3-טע אופלאגע.

דוציר-מיטלען, וואָס גליטשן זיך אַרויס פֿון די הענט בײַ דער בורזשואַזיע. מיט דעם דאָזיקן אַקט באַפֿרײַט ער די פּראָדוציר-מיטלען פֿון זייערע פֿריִערדיקע אייגנשאַפֿטן פֿון קאַפּיטאַל און גיט די פֿולע אַנטוויקלונג-פֿרײַהייט זייער געזעלשאַפֿטלעכער נאַטור. עס ווערט מעגלעך אַ געזעלשאַפֿטלעכע פּראָדוקציע לויט אַ פֿריִער באַשטימטן פּלאַן".[1]

ד אָ ס ה אָ ב ן ג ע ט אָ ן ד י ב אָ ל ש ע וו י ק ע ס. זיי האָבן עקס-פּראָפּריִירט די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים, זיי האָבן אַראָפּגענומען די קאַפּיטאַליסטישע קייטן פֿון די מאַטעריעלע פּראָדוציר-קרעפֿטן און פֿון דער סאַמע גרויסער שעפֿערישער קראַפֿט פֿון דער געשיכטע — פֿונעם פּראָלעטאַריִאַט, האָבן אַוועקגעשטעלט אַפֿן אָרט פֿון דער קאַפּיטאַליס-טישער אַנאַרכיע דעם סאָציִאַליסטישן פּלאַן.

ענגעלס האָט געזאָגט:

„דאָס פֿאַרוואַנדלען די פּראָדוציר-מיטלען אין אַ געזעל-שאַפֿטלעכן אייגנטום וועט באַזײַטיקן ניט נאָר די איצטיקע קינס-טלעכע שטערונגען פֿאַר איר (פֿון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג) ריכטיקן גאַנג, נאָר אויך די איצט אומפֿאַרמײַדלעכע פּאָזיטיווע פֿאַר-שווענדונג און שעדיקונג פֿון די פּראָדוציר-קרעפֿטן און פּראָדוקטן, וואָס דערגרייכט דעם העכסטן מאַסשטאַב אין דער צײַט פֿון קריזיסן. אויסער דעם וועט עס אײַנשפּאָרן פֿאַר דער געזעל-שאַפֿט אַ מאַסע פּראָדוציר-מיטלען און פּראָדוקטן, באַזײַטיקנדיק דעם ווילדן לוקסוס פֿון די איצט הערשנדיקע קלאַסן און פֿון זייערע פּאָליטישע פֿאָרשטייער".[2]

ד אָ ס ה אָ ב ן ג ע ט אָ ן ד י ב אָ ל ש ע וו י ק ע ס. אינעם לאַנד פֿו-נעם געזיגטן פּראָלעטאַריִאַט זײַנען אַפּ שטענדיק פֿאַרניכטעט קרי-זיסן און אַרבעטלאָזיקײַט, עס זײַנען ליקווידירט די עקספּלואַטא-טאָרישע, פּאַראַזיטישע קלאַסן, עס איז ניטאָ קיין אָרט פֿאַר אומזי-ניקער פֿאַרשווענדונג פֿון די פּראָדוקטן פֿון דער אַרבעט, אַלס רעזול-

---

1 ע נ ג ע ל ס, די אַנטוויקלונג פֿונעם סאָציִאַליזם פֿון אַן אוטאָפּיע צו אַ ווי-סנשאַפֿט, אָפּטייל III, מ אַ ר ק ס און ע נ ג ע ל ס, ווערק ב. XV, ז. 547.

2 ע נ ג ע ל ס, אַנטי-דיורינג, מ אַ ר ק ס און ע נ ג ע ל ס, ווערק, ב. XIV ז. 286.

טאט פונ דער סאָציִאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע פונ דער פאָלקווירטשאפט הערשט אינ לאנד אומגעטיילט די סאָציִאַליסטישע אָרדענונג.

ענגעלס האָט גערעדט וועגנ אזא אָרגאניזאציע פונ דער פראָדוקציע, בא וועלכער קיינער זאָל ניט קאָנענ ארופוארפנ אפנ צווייטנ זײַנ כיילעק אָנטייל אינ פראָדוקטיווער ארבעט, אונ פונ דער צווייטער זײַט, זאָל די פראָדוקטיווע ארבעט ווערנ א באפרײַונג-מיטל אָנשטאָט צו זײַנ א פארשקלאפונג-מיטל.

ד אָ ס ה אָ ב נ ג ע ט אָ נ ד י ב אָ ל ש ע ו י ק ע ס. די ארבעט איז פונ א קלאָלע, ווי זי איז געוועזנ בא דעמ קאפיטאליזמ, געוואָרנ אינ סאָציִאַליסטישנ לאנד א זאכ פונ ע ר ע, מ ו ט אונ ה ע ל ד י ש ק ײַ ט — אינ דער גרויסער שול פונ סאָציִאַליסטישנ געוועט ווערנ געבוירנ נײַע פאָרמענ פונ קאָלעקטיווער ארבעט.

די באָלשעוויקעס פילנ אויס מארקס אונ ענגעלסעס געניִאַלע סקיצנ וועגנ דער נייטיקײַט בײַצוקומענ דעמ קעגנזאצ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ, וועגנ דער פלאנמעסיקער פארטיילונג פונ די פראָדוציר-קרעפטנ, וועגנ שאפנ פאָרבאדינגונגענ פאר דער אלזײַטיקער גײַסטיקער אונ פיזישער אנטוויקלונג פונ די מענטשנ. אָבער די דאָזיקע וווּנדערבארע נעוויִשע אָנצייכענונגענ פארקערפערנ קאָנקרעט אינ לעבנ די פארטייִשע אונ אומפארטייִשע באָלשעוויקעס, באררײַכערנדיק זיי מיטנ שעפערישנ געדאנק פונ די סאמע געניִאַלע גײַסטער פונ דער הײַנטצײַטיקײַט — פונ ל ע נ י נ ע נ אונ ס ט א ל י נ ע נ, אָנפילנדיק זיי מיט דער לעבעדיקער דערפארונג פונעמ רעוואָליוציִאָנערנ קאמפ פונ די מאסנ.

ענגעלס האָט גערעדט וועגנ דעמ, אז די מענטשנ, אפ וועמעס גורל עס וועט אויספאלנ צו פארניכטנ ביזנ גרונט די יעסוידעס פונ דער עקספלואטאטארישער געזעלשאפט אונ אויסצובויענ א קלאסנלאָזע, סאָציִאַליסטישע געזעלשאפט, וועלנ פארמאָגנ אנ אויסערגעוויינלעכע קראפט פונ טעאָרעטישער פאָרויסזעונג אונ אנ אײַזערנעמ ווילנ.

ד אָ ס האָט אונדזער פארטיי, די פארטיי באָלשעוויקעס, בעראָש מיט ל ע נ י נ ע נ אונ ס ט א ל י נ ע נ, געזענ ענגעלסעס געניִאַלער בליק, וואָס האָט דורכגעדרונגענ דורכנ פאָרהאנג פונ די קומענדיקע יאָר-צענדליקער! (ש ט ו ר מ י ש ע א פ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ.)

ד אָ ס האָט ענגעלס גערעדט וועגנ יענע מיליאָנענ, וואָס האָבנ

אויסגעבויט דעם סאָציאַליזם אינעם לאַנד פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

דאָס גייען ארויס אף דער היסטאָרישער ארענע יענע מענטשן, וואָס וועלן פארווירקלעכן אפן גאנצן ערד-קײַלעך דעם גרויסן ציל, וועלכן מארקס און ענגעלס האָבן אָנגעצייכנט.

II. פירער פונעם פראָלעטאַריאַט און מײַסטער פון דער פראָלעטארישער טאַקטיק

ענגעלס איז ניט בלויז געווען גאָר א גרויסער טעאָרעטיקער פונעם פראָלעטאַריאַט. פונקט ווי מארקס, איז ער פריִער פאר אלץ געווען א רעוואָלוציאָנער, פונקט ווי בא מארקסן, איז ענגעלסעס ווירקלעכע סטיכיע געווען פריִער פאר אלץ קאמף — פארקשנטער, אויסגעהאלטענער, לײַדנשאפטלעכער קאמף פארן קאָמוניזם.

די ערשטע העלפט פון די 40-ער יאָרן. דער יונגער ענגעלס שפרייט פאנאנדער די פליגלען. ער רײַסט אײַן מיט דער קריסטלעךפרײַסישער פיליסטערישער סוויווע, לייגט זיך דורך א וועג צום פראָלעטארישן סאָציאַליזם. די באגעגעניש מיט מארקסן. עס ווערט געשלאָסן זייער שלאכט-בונד, די גרויסע פרײַנטשאפט פון די צווייִ גענים פונעם פראָלעטארישן קאָמוניזם. צוזאמען אָרגאניזירן זיי און שטעלן זיך אין דער שפיץ פונעם „קאָמוניסטן-בונד", צוזאמען ארבעטן זיי אויס דעם בארימטן „מאניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי" — דעם ערשטן פראָגראם-דאָקומענט פונעם אינטערנאציאָנאלן קאָמוניזם.

די רעוואָלוציע פון 1848 יאָר. ענגעלס איז אין די רייען פון דער רעדאקציע פון דער „נײַער ריינישער צײַטונג"; צוזאמען מיט מארקסן שטיצט ער דעם עקסטרעם לינקן פליגל פון דער דעמאָקראטיע, דעמאסקירנדיק אָן ראכמאָנעס אירע וואקלונגען, פארטייִדיקנדיק די באזונדערע אינטערעסן פונעם פראָלעטאַריאַט אין דער בורזשואזער רעוואָלוציע.

די 60-ער יאָרן. עס בילדעט זיך אויס די ערשטע אינטערנאציאָנאלע פּראָלעטארישע פּארטיי — דער I אינטערנאציאָנאל, וואָס אין זײַן ארבעט נעמט ענגעלס דעם לעבעדיקסטן אָנטייל צוזאמען מיט מארקסן. אינעם I אינטערנאציאָנאל האלט אָפּ מארקס און ענגעלסעס לערע אן אנטשיידענעם זיג איבער אלע אירע קעגנער.

די קאָמונע עפנט א נײַע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט. עס אנטשטייען נײַע אופגאבן: דער איבערגאנג צום שאפן אין באזונדערע מעלוכעס פּראָלעטארישע מאסן-פּארטייען, וואָס אָפּ זייער אנטוויקלונג האָט ענגעלס אן אנטשיידנדיקן אײַנפלוס.

נאָך אין 1846 יאָר האָט דער 26-יאָריקער ענגעלס מיט א וווּנדערבארער פּינקטלעכקײַט פאָרמולירט די אופגאבן פון די קאָמוניסטן:

„1) פארטיידיקן די אינטערעסן פון די פּראָלעטאריער אין קעגנזאצ צו די אינטערעסן פון די בורזשוא; 2) דערגרייכן דאָס דורך אָפּשאפן דאָס פּריוואט-אייגנטום און פארבײַטן עס מיט א געמיינזאמקײַט פון די פארמעגנס; 3) אנערקענען, אז אָפּ דורכצופירן די דאָזיקע צילן איז ניטאָ קיין שום אנדער מיטל, אויסער א גוואלטזאמער, דעמאָקראטישער רעוואָליוציע".[1]

אין א סאך יאָרן ארום נאָך דעם האָט ענגעלס געזאָגט:

„מיר ווילן די פארניכטונג פון די קלאסן. וואָס איז דאָס מיטל צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל? די פּאָליטישע הערשאפט פונעם פּראָלעטאריאט... אָבער דער העכסטער אקט פון דער פּאָליטיק איז רעוואָליוציע; דער, וואָס אנערקענט דאָס, דער דארף שטרעבן צו אזוינע מיטלען, צו אזוינע פּאָליטישע האנדלונגען, וואָס גרייטן צו די רעוואָליוציע, וואָס דערציִען די ארבעטער צוליב דער רעוואָליוציע און וואָס אָן זיי וועלן אָפּ מאָרגן נאָך דער שלאכט די פאוורס[2] און די פּיאַ[3] שטענדיק באשווינדלען די

1 מארקס און ענגעלס, ב. XXI, ז. 49.

2 זשול פאוור — א פראנצויזישער בורזשואזער רעפּובליקאנער, אן אדוואָקאט, א מיניסטער נאָכן 4-טן סענטיאבער 1870 יאָר, טיערס רעכטע האנט באם אונטערדריקן די קאָמונע.

3 פעליקס פּיאַ, א פראנצויזישער קלייןבירגערלעכער ראדיקאל.

ארבעטער... מע דארף, אז די פארטיי זאָל זיך אויספורעמענ ניט ווי א נאָכשלעפּעניש פונ וועלכע-ניט-איז בורזשואזע פּאר-טייענ, נאָר ווי אנ אומאָפּהענגיקע פּארטיי, וואָס האָט איר אײ-גענעמ ציל, איר אייגענע פּאָליטיק".[1]

אונ די דאָזיקע אופגאַבנ האָט געדינט ענגעלסעס גאנצער פּופ-ציקיאָריקער קאמפ.

דאָס, וואָס עס צייכנט אויס ענגעלסנ אלס פּאָליטיקער פונעמ ארבעטער-קלאס, האָט לענינ דײַטלעכ פאָרמולירט. דאָס איז —

„... דאָס טיפּסטע באנעמענ די *ראדיקאלע איבערגע-שטאלטונג-צילנ* פונעמ פּראָלעטאריאט אונ די אויסערגעוויינ-לעכ בייגעוודיקע דעפינירונג פונ די *געגעבענע אופגאבנ* פונ דער טאקטיק פונעמ שטאנדפּונקט פונ די רעוואָליוציאָנערע צילנ אונ אָנ די מינדסטע האנאָכעס פאר דעמ אָפּאָרטוניזמ אונ פאר דער רעוואָליוציאָנערער פראזע".[2]

ווײַטער וויל איכ זיכ גענויער אָפּשטעלנ אפ ענגעלסנ *אלס מײַס-טער פונ דער פּראָלעטארישער טאקטיק*. אונדזערע פּאר-טייענ, די אָנפירונג פונ אונדזערע סעקציעס האָבנ וואָס צו לערנענ זיכ אפ די גלענצנדיקע מוסטערנ פונ דער טאקטישער קונסט פונעמ גרויסנ פּראָלעטארישנ ארמייענ-פירער.

פונ דעמ גרויסנ אויצער טאקטישע האנאָכעס, וואָס ענגעלס האָט פאנאנדערגעארבעט אונ אָנגעווענדט אינ זײַנ פּראקטישער טעטיקײַט, וועל איכ בארירנ בלויז אייניקע פראגנ, וואָס האָבנ אנ אומיטלבארע באַ-ציונג צו דער *צענטראלער אופגאבע פונעמ VII קאָנ-גרעס* — צו דער אופגאבע פונ צוגרייטנ אונ אָרגאניזירנ דעמ אר-בעטער-קלאס אונ אלע ארבעטנדיקע פאר די אנטשיידנדיקע שלאכטנ.

ניט ווייניק איז געווענ אזוינע מענטשנ אינ ענגעלסעס עפּאָכע, ניט ווייניק זײַנענ זיי פאראנ אויכ איצט, וואָס פארשטייענ די פּראָ-

---

1 פונ דער רעדע אפ דער לאָנדאָנער קאָנפערענצ פונעמ I אינטערנאציאָ-נאל (פארעפנטלעכט אינעמ זשורנאל „קאָמוניסטיטשעסקי אינטערנאציאָנאל", נומ. 29, פארנ 1934 יאָר, ז. 50).

2 *לענינ*, די קאָרעספּאָנדענצ צווישנ מארקסנ אונ ענגעלסנ, ווערק ב. XVII, ז. 30, 3-טע אופלאגע.

לעטאַרישע רעוואָליוציע נ י ט ד יַ א ל ע ק ט י ש , נ אָ ר מ ע כ א נ י ס-
ט י ש : אין איין לאַגער געפינען זיך באַוווּסטזיניקע, אויסגעהאַלטענע,
„ריינע" רעוואָליוציאָנערן, אין צווייטן — א דורכויסיקע רעאַקציאָנערע
מאַסע; קיינע שום ענדערונגען אין דער קעגנזײַטיקער פאַרהעלטעניש
פון די קלאַסן-קרעפטן, ווײַל אַלע קלאַסן האָבן איינמאָל פאַר אַלע-
מאָל פאַרנומען די פּאָזיציעס, וואָס זײַנען פאַר זיי צוגעגרייט אין
דער רעוואָליוציאָנערער סכעמע; קיין שום וואַקלדיקע, צווישנדיקע
שיכטן, ווײַל זיי אַלע זײַנען פּאָרויס אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אין
דעם קאַטאַלאָג פון דער רעאַקציע; קיין שום אַוואַנגאַרד און רע-
זערוון, ווײַל זיי אַלע שטעלן מיט זיך פאָר א דורכויסיקע רעוואָ-
ליוציאָנערע מאַסע; קיין שום מאַסן, וואָס גייען ערשט צו צו
דער רעוואָליוציע, ווײַל זיי זײַנען פּאָרויס אײַנגעשלאָסן אין דעם
לאַגער פונעם רעוואָליוציאָנערן אַוואַנגאַרד; קיינע שום עטאַפּן אין
דער אַנטוויקלונג פונעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף, ווײַל די מאַסן
זײַנען אַפּ א קאָפּשווינדלדיקן אויפן אַריבערגעפירט געוואָרן אין
העכסטן קלאַס פונעם „לעצטן, אַנטשיידענעם שטרײַט"; קיין שום טאָג-
טעגלעכע אַרבעט פון דער רעוואָליוציאָנערער פּאַרטיי אַפּ אויפקלערן
און צוגרייטן די מאַסן צום קאַמף, ווײַל די מאַסן וואַרטן בלויז אַפּ
א געלעגנהײַט, קעדיי צו וואַרפן זיך אין שלאַכט אונטער דער אָנפי-
רונג פון די אַרכי-רעוואָליוציאָנערע פירער; קיין שום אָרגאַניזאַציאָ-
אָנעלע צוגרייטונג, וואָס פאַרגיכערט דעם אָנוווּקס פון דער באַוועגונג,
ווײַל פאַר אונדז אַרבעט די סטיכיע פון דער דאָזיקער באַוועגונג.
אַזאַ טיפּ פון מענטשן האָט געמיינט ענגעלס, ווען ער האָט אויסגע-
לאַכט די פאָלגנדיקע אַנטוויקלונג-סכעמע פון דער רעוואָליוציע:

„אַלע אָפּיציעלע פּאַרטייען ווערן דאָ פאַראייניקט אין איין
הויפן, — און מיר, סאָציאַליסטן, שטייען דאָרטן אין א האַרמאָ-
נישן אָטריאַד. א גרויסע אַנטשיידענע שלאַכט, א זיג איבער
דער גאַנצער ליניע מיטאַמאָל! אין דערווירקלעכקײַט קומט די
זאַך פאָר ניט אַזוי איינפאַך. אין דער ווירקלעכקײַט הייבט זיך
אָן די רעוואָליוציע פונקט פאַרקערט — דערפון, וואָס די קאָלאָ-
סאַלע מערהײַט פונעם פאָלק, ווי אויך די אָפּיציעלע פּאַרטייען
פאַראייניקן זיך קעגן דער רעגירונג, וואָס איבער דעם ווײַזט זי

זיכ ארויס איזאָלירט, זיי ווארפנ זי אראָפּ; אונ ערשט דאנ קומט די גרויסע צעטיילונג פונעמ פאָלק, אונ צוזאמענ דערמיט אויכ די מעגלעכקײַט פונ אונדזער הערשאפט, אונ דאָס אויכ ערשט נאָכ דעמ, ווי יענע פונ די אָפּיציעלע פארטייענ, וואָס בלײַבנ נאָכ מעגלעכ, וועלנ איינע נאָכ דער אנדערער פארניכטנ זיכ, האנדלענדיק איינע קעגנ דער אנדערער.

ווענ מיר זאָלנ וועלנ אָנהייבנ די רעוואָליוציע טייקעפּ, פונ איר לעצטער אקציע, וואָלטנ מיר געהאט גרויסע צאָרעס".[1]

די דאָזיקע גלענצנדיקע האנאָכע ענגעלסעס וועגנ דעמ גאנג אונ דער אנטוויקלונג פונ דער רעוואָליוציע אנטוויקלט נאָכ בוילעטער אונ פולקומער לענינ אינ העכער דרײַ צענדליק יאָר ארומ:

„מיינענ, אז עס איז דענקבאר א סאָציאַלע רעוואָליוציע אָנ אויפשטאנדנ פונ די קליינע נאציעס אינ די קאָלאָניעס אונ אינ אייראָפּע, אָנ רעוואָליוציאָנערע אויסברוכנ פונ א טייל קליינבירגערטומ מיט אלע זײַנע פּאָרורטיילנ, אָנ א באוועגונג פונ די אומבאוווסטזיניקע פּראָלעטארישע אונ האלבפּראָלעטארישע מאסנ קעגנ דעמ פּריצישנ, קירכלעכנ, מאָנארכישנ, נאציאָנאלנ אד"ג. יאָכ, — מיינענ אזוי, הייסט פארלייקענענ די סאָציאַלע רעוואָליוציע. מיסטאמע וועט זיכ אויסשטעלנ אינ איינ אָרט איינ ארמיי אונ וועט זאָגנ: „מיר זײַנענ פאר סאָציאַליזמ", אונ אינ א צווייט אָרט א צווייטע ארמיי אונ וועט זאָגנ: „מיר זײַנענ פאר אימפּעריאַליזמ", אונ דאָס וועט זײַנ די סאָציאַלע רעוואָליוציע!.. ווער עס דערווארט „א ריינע" סאָציאַלע רעוואָליוציע, יענער וועט זיכ קיינמאָל אפּ איר ניט דערווארטנ. יענער איז א רעוואָליוציאָנער מיטנ מויל, וואָס פארשטייט ניט דיווירקלעכע רעוואָליוציע".[2]

---

1 מארקס אונ ענגעלס, בריוו, ז. 337. ענגעלסעס בריוו צו בעבעלנ פונ 28 אָקטיאבער 1882 יאָר, פּארטיזדאט, 1931 יאָר.

2 לענינ, די סאכאקלענ פונ דער דיסקוסיע וועגנ זעלבסטבאשטימונג, ווערק, באנד XIX. ז, 269. 3־טע אויפלאגע.

און ווײַטער:

„די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע אין אייראָפּע קאָן ניט זײַן קיין אנדער זאַך, ווי אַן אויסברוך פון מאסן-קאַמף פון אַלע און אַלערליי אונטערדריקטע און אומצופרידענע. טיילן פון קלייןבירגערטום און פון די אָפּגעשטאַנענע ארבעטער וועלן אומפארמײַדלעך זיך באַטייליקן אין איר — אָן אַזאַ אָנטייל איז ניט מעגלעך קיין מאסן-קאַמף, איז ניט מעגלעך קיין שום רעוואָליוציע — און פונקט אַזוי אומפאַרמײַדלעך וועלן זיי אַרײַנטראָגן אין דער באַוועגונג זייערע פאָרורטיילן, זייערע רעאַקציאָנערע פאַנטאַזיעס, זייערע שוואַכקײַטן און פעלערן. אָבער אָביעקטיוו וועלן זיי אָנפאַלן אויף קאַפּיטאַל, און דער באַוווּסטזיניקער אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָליוציע, דער פאָרגעשריטענער פּראָלעטאַריאַט וועט, אויסדריקנדיק דעם דאָזיקן אָביעקטיוון עמעס פון דעם פאַרשיידנפאַרביקן און פאַרשיידנשטימיקן, בונטן און אויסערלעך-צעבראָקלטן מאסן-קאַמף, קאָנען פאַרייניקן און ריכטן אים, דעראָבערן די מאַכט, פאַרכאַפּן די בענק, עקספּראָפּריִרן די פון אַלעמען פאַרהאַסטע (כאָטש צוליב פאַרשיידענע סיבעס!) טרעסטן און פאַרווירקלעכן די אַנדערע דיקטאַטורישע מאָסמיטלען, וואָס אין סאַכאַקל גיבן זיי די אַראָפּוואַרפונג פון דער בורזשואַזיע און דעם זיג פונעם סאָציאַליזם, וואָס וועט ווײַט ניט מיטאַמאָל „זיך אָפּרייניקן" פון די קלייןבירגערלעכע שלאַקן". [1]

די דאָזיקע מערקווירדיקע לויט זייער טיפקײַט ענגעלסעס און לענינס ווערטער אַנטהאַלטן אין זיך די גרונט-עלעמענטן פונעם ענטפער אויף דער פראַגע, וויאַזוי דאַרפן מיר הײַנט מיט דערפאָלג קעמפן קעגן דעם אָנגריף פונעם קאַפּיטאַל, פונעם פאַשיזם און פון דער מילכאָמע-געפאַר. דאָ איז שוין אײַנגעשלאָסן סײַ די נייטיקײַט פון אַ ריכטיקער פּאָליטיק פון דער פּראָלעטאַרישער פאַרטיי בענוגייע דער מאַסע פון איר אייגענעם קלאַס און בענוגייע די פאַרבינדעטע, סײַ די אויפגאַבע פון שאַפן אַ ברייטן אַלפאָלקישן פראָנט פון קאַמף, סײַ די געניטע אויסנוצונג פון די צווישנפעלקערלעכע ווידערשפּרוכן צוליב

1 לענין, די סאַכאַקלען פון דער דיסקוסיע וועגן זעלבסטבאַשטימונג, ווערק, באַנד XIX, זײַט 269, 3-טע אויפלאַגע.

די אינטערעסן פון פאַרפעסטיקן די פּאָזיציעס פונעם פּראָלעטאַריאַט. אונדזער גאַנצע דערפאַרונג האָט ניט איין מאָל באַשטעטיקט, אַז אַ פּאַרטיי, וואָס גייט אַרויס פון פאַרייניקטע, נאַיווע פאָרשטעלונגען וועגן רעוואָלוציע, איז ניט פעיִק אַרויסצוטרעטן אין דער ראָליע פון איר אָרגאַניזאַטאָר און פירער. ס'איז ניטאָ קיין געפערלעכערע זאַך פאַר אַ לעבעדיקער און קעמפנדיקער פּאַרטיי, ווי אַ לעבנס-לאָזע פאָרמולע, וואָס איז פאַרויס פאַרגרייט און וואָס איז אַרויסבאַקומען געוואָרן אַף אַ ריין סייכלדיקן אופן: זי פאַרשטעלט מיט זיך אַלדאָס לעבעדיקע און די בונטע פילאַרטיקייט פון די באַדינגונגען און פאָרמען פון קאַמף.

ס'איז ניט ריכטיק צו מיינען, אַז די רעוואָלוציע וועט זיך אַנט-וויקלען לויט אַ גראָדער ליניע, ווי אַ פייל, וואָס ווערט אַרויסגעלאָזן פון בויגן, אַז אין דעם רייף ווערנדיקן רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס טרעפן ניט קיין אָפּהאַלטן, איבעררייסן, צוריקטריטן, קעדיי נאָך שטאַר-קער אַ שפּרונג טאָן פאָרויס. ס'איז ניט ריכטיק צו מיינען, אַז די טאַקטיק פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי דאַרף זיך בויען ניט אַף דער פאַרהעלטעניש פון די קלאַסן-קרעפטן, וואָס איז פאַראַן, נאָר אַף דער, וואָס מיר וואָלטן געוואָלט האָבן. ס'איז ניט ריכטיק צו מיינען, אַז סײַ אינעם פּראָצעס פון צוגרייטן די רעוואָלוציע סײַ אין איר אַנטוויקלונג גופא איז פאַר דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי גענוג זיך צו שטיצן בלויז אַף די קרעפטן פונעם אַוואַנגאַרד, און ניט אַף דער מערהייט פונעם אַרבעטער-קלאַס. עס איז ניט ריכטיק צו מיינען, אַז, איגנאָרירנדיק די אַנדערע קלאַסן-קרעפטן, ניט פּרוּווּנ-דיק זיך אַריבערצוציִען זאָל זײַן כאָטש צײַטווײַליק אַף דער זײַט פון דער רעוואָלוציע די וואַקלדיקע קלאַסן, שאַפט די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי דערמיט גופא אַ קלאָרע סיטואַציע פון „קלאַס קעגן קלאַס". עס איז ניט ריכטיק צו מיינען, אַז צוגרייטן די רעוואָלוציע און פאַרווירק-לעכן זי קאָן מען, ניט אויסנוצנדיק די ווידערשפּרוכן אין דעם לאַגער פונעם ק ע ג נ ע ר, אָן צײַטווײַליקע, טיילווײַזע, קאָמפּראָמיסן מיט אַנדערע זיך רעוואָלוציאָניזירנדיקע קלאַסן און גרופּן און מיט זייערע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס.

אין יאָר 1889, אינעם בריוו צום דענישן סאָציאַליסט טריר, רעקאָ-

מענדירט ענגעלס אויסצונוצן פֿאַר די אינטערעסן פֿונעם אַרבעטער־קלאַס די אַנדערע פּאַרטייען,

„...צײַטווײַליק אונטערשטיצן אַנדערע פּאַרטייען און מאָסמיטלען, וואָס זײַנען אָדער דירעקט לויַנבאַר פֿאַרן פּראָלעטאַריִאַט, אָדער זיי זײַנען אַ שריט פֿאָרויס אין דער ריכטונג פֿון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג אָדער פּאָליטישער פֿרײַהײַט...“

„אָבער איך, — גיט צו ענגעלס, — בין פֿאַר דעם בלויז אין דעם פֿאַל, אויב דער נוצן, וואָס שטייט פֿאָר דירעקט פֿאַר אונדז אָדער פֿאַר דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פֿונעם לאַנד אויפֿן וועג פֿון עקאָנאָמישער און פּאָליטישער רעוואָלוציע, איז אומבאַשטרײַטבאַר און איז ווערט, אַז מע זאָל זיך צו אים דערשלאָגן. און דאָס אַלץ איז בײַ דעם באַדינג, אַז דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן־כאַראַקטער פֿון דער פּאַרטיי זאָל דערמיט גופֿע ניט געשטעלט ווערן אונטער אַ פֿראַגע־צייכן. דאָס איז פֿאַר מיר די אַבסאָליוטע גרענעץ“.[1]

די פֿאַרפֿעסטיקונג פֿונעם קלאַסן-כאַראַקטער פֿון דער פּאַרטיי, די העכערונג פֿונעם באַוווּסטזײַן פֿונעם פּראָלעטאַריִאַט, פֿון זײַן שלאַכטפֿײִקײַט, די פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון זײַנע פּאָזיציעס, די אָפּשוואַכונג פֿון די פּאָזיציעס פֿונעם קלאַסן־סויניע — אָט דאָס איז דער קריטעריִ, וואָס ענגעלס האַלט פֿאַר אָבליגאַטאָריש בײַם לייזן די פֿראַגע וועגן דער דערלאָזבאַרקײַט פֿון דעם אָדער יענעם קאָמפּראָמיס.

אָבער די דאָזיקע טאַקטיק איז טיף פֿײַנטלעך דער אידעע פֿון קלאַסן־מיטאַרבעט פֿונעם פּראָלעטאַריִאַט מיט דער בורזשואַזיע, וואָס די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציִאַל-דעמאָקראַטיע האָט דורכגעפֿירט, ווײַל די סאָציִאַל-דעמאָקראַטישע פּאָליטיק האָט אָפּגענומען בײַ דער פּאַרטיי איר קלאַסן-כאַראַקטער, זי האָט פֿאַרפֿעסטיקט די פּאָזיציע פֿון דער בורזשואַזיע, האָט אָפּגעשוואַכט און דעמאָראַליזירט דעם פּראָלעטאַריאַט. די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק האָט ניט קיין שום שײַכעס מיט דער פּאָליטיק פֿון „קלענערן בייז“, מיטן שטימען פֿאַר

1 „באָלשעוויק“ נומ. 21 פֿאַרן 1932 יאָר, ז. 84. אונטערגעשטראָכן פֿון מיר. — ד. מ.

הינדענבורגנ, מיטנ בלאָקירנ זיכ מיט ברינינגנ, ווײַל דורכ דער פּאָ־
ליטיק פונ „קלענערנ בייז” האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אָפּגעגעבנ
דער בורזשואזיע איינ פּאָזיציע פונעם פּראָלעטאַריאַט נאָכ דער צוויי-
טער, האָט אָפּגערייניקט דעמ וועג פארנ פאַשיזמ און צוגעגרייט די
מאַפּאָלע פונעם פּראָלעטאַריאַט.

די דאָזיקע געדאנקענ ענגעלסעס אנטוויקלט ווײַטער לענינ אינ
דרײַ יאָרצענדליקער ארומ אַפּנ סמאכ פונ דער דערפארונג פונ די
דרײַ רוסישע רעוואָליוציעס, און ער לערנט די יונגע קאָמפּארטייענ
אזא בייגעוודיקע און מאַנעווורישע טאַקטיק, וואָס זאָל זיי העלפנ
בײַקומענ די קינדער-קראנקײַט פונ „לינקײַט” און אוועקשטעלנ דעמ
קאמפּ פאר אראָפּוואַרפנ די בורזשואזיע ווירקלעכ אפּ א באָלשעוויס-
טישנ אויפנ.

„פירנ די מילכאָמע, — זאָגט לענינ, — פאר אראָפּוואַרפנ די
אינטערנאציאָנאלע בורזשואזיע, א מילכאָמע אינ הונדערט מאָל
א מער שווערע, דויערנדיקע, קאָמפּליצירטע, ווי די סאמע
פאַראַקשנטע פונ די געוויינלעכע מילכאָמעס צווישנ מעלוכעס,
און פאַרויס אָפּזאָגנ זיכ דערבײַ פונ לאַווירנ, פונ אויסנוצנ דעמ
ווידערשפּרוכ פונ די אינטערעסנ (זאָל זײַנ כאָטש א צײַטווײַליקנ)
צווישנ די סאָנים, פונ פּשאָרעס און קאָמפּראָמיסנ מיט די מעגלעכע
(זאָל זײַנ כאָטש צײַטווײַליקע, ניט קיינ פעסטע, וואקלדיקע, בא-
דינגלעכע) פאַרבינדעטע, צי דענ איז דאָס ניט קיינ אומענד-
לעכ לעכערלעכע זאכ?..

באזיגנ א מער מעכטיקנ קעגנער קאָנ מענ בלויז בא דער גרעס-
טער אָנשטרענגונג פונ די קרעפטנ און בא דער אָ ב ל י ג א ט ע ר י-
ש ע ר, סאמע געניוער, זאָרגעוודיקער, פאָרזיכטיקער, געניטער אויס־
נוצונג פונ יעדנ, זאָל זײַנ אפילע פונעמ קלענסטנ, „שפּאַלט” צווישנ די
סאָנים, פונ יעדער קעגנזעצלעכקײַט פונ די אינטערעסנ צווישנ דער
בורזשואזיע פונ פארשיידענע לענדער, צווישנ פארשיידענע גרופּנ
אָדער מינימ בורזשואזיע אינווייניק אינ באזונדערע לענדער, —
אזוי אויכ פונ יעדער, זאָל זײַנ אפילע פונ דער קלענסטער,
מעגלעכקײַט צו באקומענ פאר זיכ א מאסעווונ פארבינדעטנ, זאָל
זײַנ אפילע א צײַטווײַליקנ, א וואקלדיקנ, ניט קיינ פעסטנ, ניט

קיין זיכערן, א באדינגלעכן. ווער עס האָט דאָס ניט פארשטא-
נען, יענער האָט ניט פארשטאנען קיין איין גראן אין מארקסיזם
און אין דעם וויסנשאפטלעכן, מאָדערנעם, „ציוויליזירטן" סאָציאַ-
ליזם ביכלאל".[1]

איבן איר וועט זיך אריינטראכטן, כאוויירים, אין די דאָזיקע
ווערטער ענגעלסעס און לענינס אין דער אָנווענדונג צו אונדזער עפּאָכע,
צו דער פּאָליטיק, וואָס עס מערקט אָן איצט אפן נאָענטסטן פּעריאָד
אונדזער קאָנגרעס, וועט איר פארשטיין, אז די דאָזיקע טאקטיק; וואָס
איז דורכגעקאָנטראָלירט געוואָרן אפ דער דערפארונג פון דער גאנצער
אלוועלטלעכער ארבעטער-באוועגונג אין מעשעך פון א סאך יאָרצענדלי-
קער, עפנט איצט פארן קאָמוניסטישן אינטערנאציאָנאל, פאר אלע זיי-
נע סעקציעס די גרעסטע מעגלעכקייטן ארויסצוגיין פונעם אגיטאציאָ-
נעל-פּראָפּאגאנדיסטישן פּעריאָד פון אונדזער אנטוויקלונג און צו ווערן
דער מעכטיקסטער פאקטאָר פונעם גאנצן מאָדערנעם פּאָליטישן לעבן
סיי אין איינצלנע לענדער סיי אין דער גאנצער וועלט. (אפלאָדיס-
מענטן.) אָבער טאקע דערפאר, וואָס מיר גייען איצט ארויס אפן
ברייטן וועג פון גרויסער פּאָליטיק, פון מאסן-פּאָליטיק, וואָס מיר
גרייטן זיך צו ציילן ניט אפ הונדערטער טויזנטער, נאָר אפ מיליאָ-
נען, וואָס מיר הייבן אָן אריינציִען אונטער אונדזער איינפלוס די
שיכטן, וואָס זיינען נעכטן אָדער נאָך געשטאנען אין די רייען פון
דער סאָציאַל-דעמאָקראטיע, אָדער אויסער יעדער פּאָליטיק, דארפן די
סעקציעס פון קאָמינטערן ארויסווייזן א באזונדערע אָנגעשפּיצטקייט
צו די מעגלעכע רעכטע און אָפּאָרטוניסטישע פארקריפּ-
לונגען פון אונדזער מאסן-פּאָליטיק, פארקריפּלונגען,
וואָס וועלן פארהאלטן דעם וווּקס פון אונדזער איינפלוס אין די מאסן
און דעם וווּקס פון דער שלאכטפייִקייט פונעם פּראָלעטאריאַט און
וואָס וועלן דערמיט גופע האמעווען דאָס רייפ ווערן פון די באדינ-
גונגען פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע. און דאָ דארפן מיר
נאָכאמאָל זיך ווענדן צו אונדזער לערער ענגעלסן און דערמאָנען זיין
קאמף קעגן אָפּאָרטוניזם, א קאמף אן אומדערבארעמדיקן, א גיט-גע-

[1] לענין, די קינדער-קראנקייט פון „לינקייט", ווערק ב. XXV, ז. 210,
3-טע אויפלאגע.

צוימטנ, וואָס האָט אָנגעפּילט א האַלבנ יאָרהונדערט פונ זײַנ לעבנ אַלס פּאָליטישנ קעמפער.

ענגעלס האָט אפ דורכ אונ געזענ דעמ קליינבירגער, וואָס האָט אינ צענדליקער פאַרשיידענע געשטאַלטנ געפּרוווט פאַרפּעסטיקנ זיכ אינ דער ארבעטער-באַוועגונג, אָפּשוואַכנדיק אונ דעזאָרגאַניזירנדיק זי. מיט א טויט-שלאָגנדיקער טרעפלעכקײַט אונ אומפאַרגלײַכלעכנ סאַרקאַזמ רײַסנ מאַרקס אונ ענגעלס אַרונטער די מאַסקע פונ דעמ דאָזיקנ באַלעבעסל, וואָס באַהאַלט אונטער צעכראַסטעטער גוטמוטיקײַט אַלע מינעס אונ שטיק פונ א פיליסטער. דאָס דאָזיקע באַלעבעסל האָט דאָס רעכט צו דערלויבנ זיכ יעדער נידערטרעכטיקײַט, ווײַל ער האַלט, אַז ער איז נידערטרעכטיק „אויס אָרנטלעכקײַט".

„אַפילע נאַרישקײַט ווערט א מײַלע, ווײַל זי איז קאַטעגאָריש א באַווײַז פונ דער פעסטקײַט פונ די איבערצײַגונגענ. יעדער הינטער-געדאַנק זײַנער ווערט געשטיצט דורכ דער איבערצײַגונג אינ אינערלעכער אָרנטלעכקײַט, אונ וואָס פעסטער ער פאַרטראַכט עפּעס א שווינדל אָדער קליינלעכע העסלעכקײַט, אַלץ פּאָשעטער אונ אָפענער האַלט ער זיכ". דאָס דאָזיקע באַלעבעסל איז „א רינשטאָק, אינ וועלכנ עס זײַנענ אַפּנ סאַמע ווילדנ אופנ צונויפגעמישט אַלע ווידערשפּרוכנ פונ דער פילאָסאָפיע, פונ דעמאָקראַטיע אונ פונ יעדער פראַזיאָרישקײַט".[1]

פאַרטיידיקנדיק דעמ רעוואָליוציאָנערנ מאַרקסיזמ, שלאָגט ענגעלס די דײַטשישע רעפאָרמיסטנ, די פראַנצויזישע פּאָסיביליסטנ, די ענגלישע פאַביאַנער, ער שלאָגט די אולטראַלינקע, אונ אינ דער זעלבער צײַט קריטיקירט ענגעלס מיט אויסערגעוויינלעכער פעסטקײַט אונ געדולדיקײַט אונ פאַריכט די אָפּאָרטוניסטישע פעלערנ פונ די פירער פונ די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייענ, די מענטשנ פונעמ טיפּ ווילהעלמ ליבקנעכט אונ בעבעל, לאַפאַרג אונ געד.

דער דאָזיקער אומדערמידלעכער קאַמפ קעגנ אָפּאָרטוניזמ, אונ באַזונדערס קעגנ טאָלעראַנצ צו אימ, האָט אימ געשאַפנ צווישנ איינציקע פירער, וואָס ער האָט אַטאַקירט, דעמ טיטל פונעמ „גרעסטנ

1 „אַרכיוו פונ מאַרקס אונ ענגעלס", בוכ 5, ז. 329.

גרוביאַנ אינ אײראָפּע". אונ די דאָזיקע לײַדנשאַפטלעכקײַט ענגעלסעס, די דאָזיקע פײַיקײַט „צו זײַנ א גרוביאַנ" פאר דער זאכ פונ דער פארטײ, פאר דער זאכ פונ דער רעוואָליוציע, דארפנ מיר זיכ אלע בא אים לערנענ.

קײנער האָט אזוי ניט געוואָלט, אז דער פּראָלעטארישער אוואנגארד זאָל באהעפט זײַנ אינ די רײענ פונ אנ אײנהײַטלעכער ארבעטער-פארטײ, ווי דאָס האָט געוואָלט ענגעלס. ער האָט עס פונקט אזוי געוואָלט, ווי מיר איצט, אָבער ער האָט געוווּסט אונ געזענ, אז א פארײניקונג אפ א פּרינציפּלאָזער באזע וועט אָפּשוואכנ דעמ ארבעטער-קלאס. וואָס וועט שוינ זײַנ, אז דער פּראָלעטאריאט וועט זײַנ אינ די רײענ פונ א מאסנ־פּארטײ, אויב זי וועט אימ שלעפּנ אפ א שטריק צו מיטארבעט מיט דער בורזשואזיע? אינ 1882 יאָר אינ פראנקרײַכ באגריסט ענגעלס די שפּאלטונג, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ דער ארבעטער-פּארטײ מיט מאלאָנענ אונ ברוסנ, וועלכע האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט פונ קלאסנקאמפ, האָבנ מאקרעוו געווענ דעמ פּראָלעטארישנ קלאסנ-כאראקטער פונ דער באוועגונג אונ האָבנ פעמאכט דעמ אײַנרײַס פאר אומפארמײַדלעכ.

„בעסער אזוי... — זאָגט ער. — אײנהײַט איז אנ אויסגעצײכנטע זאכ, קאָלזמאנ זי איז מעגלעכ, אָבער עס זײַנענ פאראנ זאכנ, וויכטיקערע פונ אײנהײַט"[1].

מיר האלטנ פאר נײטיק צו דערמאָנענ די דאָזיקע ווערטער ענגעלסעס גראָד איצט, ווענ דאָ, אפ דעמ דאָזיקנ קאָנגרעס, הײבנ מיר אופ הויכ די פאָנ פונ פּאָליטישער אײנהײַט פונעמ אינטערנאציאָנאלנ ארבעטער-קלאס.

מיט כ' דימיטראָווס פאָרטראָג האָט דער קאָנגרעס באזונדערס בוילעט באטאָנט זײַנ ווילנ צומ קאמפ פאר אנ אײנהײַטלעכער ארבעטער־פּארטײ אינ יעדנ לאנד, פאר אנ אײנהײַטלעכער ארבעטער־פּארטײ אינ דער גאנצער וועלט. אָבער די דאָזיקע פּארטײ איז מעגלעכ בלויז אפ דער באזע פונ פּרינציפּיעלער אײנ-

[1] מארקס און ענגעלס, ווערק, באנד XXVII, ז. 253. ענגעלסעס בריוו צו בעבעלנ פונ 28 אָקטיאבער 1882, פּארטיזדאט, 1935 יאָר, אונטערגעשטראָכנ פונ מיר. — ד. מ.

הײַט, און ניט אױף דער באַזע פֿון אַ פֿוילן בלאָק פֿון די קלײנבירגערלעכע און פּראָלעטאַרישע עלעמענטן לױטן מוסטער און געשטאַלט פֿונעם II אינטערנאַציאָנאַל. מיר דערמאָנען די טױזנטער, צענדליקער און הונדערטער טױזנטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער, װאָס האַלטן זיך פֿאַר נאָכפֿאָלגער און שילער פֿון מאַרקסן און ענגעלסן, אַז מיר צוזאַמען מיט זײ װאָלטן באַגאַנגען אַ פֿאַרברעכן בענעגײע אונדזער קלאַס, װען מיר װאָלטן געשאַפֿן צוריק יענע קלוימערשטע „אײנהײַט", װאָס האָט געבראַכט צו דער קאַטאַסטראָפֿע פֿון 4 אױגוסט, צום בלאָק פֿון אַ טײל פֿונעם אַרבעטער־קלאַס מיט דער בורזשואַזיע, און אין דער אונטערשטער שורע האָט עס פֿאַרלײַכטערט דעם זיג פֿונעם פֿאַשיזם. אַזאַ אײנהײַט דאַרף דער אַרבעטער־קלאַס ניט האָבן! מיר װילן די אײנהײַט, פֿאַר װעלכער ס'האָט דאָס גאַנצע לעבן געקעמפֿט אונדזער לערער — פֿרידריך ענגעלס. אױף צו דערגרײכן די דאָזיקע אײנהײַט װעלן מיר אָנװענדן אַלע קרעפֿטן און מיר װעלן זיך דערשלאָגן צו איר. (אַפּלאָדיסמענטן.)

אָבער דערשלאָגן זיך צו איר װעט קאָנען בלױז אַ פּאַרטײ, װאָס געװינט מיט איר װאַקסנדיקער אַקטיװקײַט דעם צוטרױ פֿון די מאַסן, אַ פּאַרטײ, װאָס איז גױװער דעם סכעמאַטיזם און די פֿאַרײנפֿאַכונג אינעם צוגאַנג צו די מאַסן־באַװעגונגען. פֿאַר אַזאַ פּאַרטײ האָט געקעמפֿט ענגעלס. ער האָט אָן ראַכמאָנעס געשלאָגן פֿאַר פּאַסיװקײַט און אומטעטיקײַט װי פֿאַר אײנער פֿון די שעדלעכסטע פֿאָרמען פֿון אָפּאָרטוניזם. אין זײַן קאָרעספּאָנדענץ מיט די אַרבעטער־לידערס כאַזערט ער איבער אומדערמידלעך: די פּאַרטײ דאַרף זײַן אַקטיװ בײַ אַלע אומשטענדן; באַטײליקן זיך אינעם גאַנצן פּאָליטישן לעבן פֿונעם לאַנד; אױסנוצן יעדן פֿאַקט פֿון דער אינערלעכער און אױסערלעכער פּאָליטיק אַלס מאָטיװ פֿאַר אַקטיװע אַרױסטרעטונגען; זײַן מיט די מאַסן אומעטום און אַלע מאָל, אין יעדן מאָמענט; רעכטצײַטיק אַרױסרוקן דעם ריכטיקן קאַמף־לאָזונג, װאָס גײט אַרױס פֿון די מאַסן גופֿא, פֿאַרבײַטן אים מיט אַ נײַעם אין דער מאָס, װי עס װאַקסט אָן די באַװעגונג, — אָט אױף װאָס פֿאַר אַ טאַקטישן גרונט־קלאַל פֿאַר דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטײ עס באַשטײט ענגעלס.

אַ פּאַרטײ, װאָס לעבט אין אַן ענגן, אײַנגעשלאָסענעם קרײַז

פונ אירע אָנהענגער, וואָס שטייט אויסער דעמ, מיט וואָס עס לעבט דאָס פאָלק, וואָס קאָנ ניט אָנקלאַמערנ זיכ פאַר דעמ, וואָס עס רעגט אינ געגעבענעמ מאָמענט די מאסנ, וואָס קענ ניט פאַראַלגעמיינערנ אינ דייַטלעכע, צוטריטלעכע לאָזונגענ די פאָלקס-אָנקלאָגנ אונ האָפענונגענ, — אזא פאַרטיי וועט ניט קאָנענ שטעלנ זיכ אינ דער שפּיצ פונ מאסנ-באַוועגונגענ.

באַזונדערס שאַרפ פאַלט אָנ ענגעלס אפ די, וואָס פאַרשווינדנ אינעמ אַנטשיידענעמ מאָמענט פונ מאסנ-קאַמפ. וועגנ דעמ זאָגט ענגעלס אָפנ, אַז אַ פאַרטיי, וואָס לאָזט אַרויס פונ אויג אַזאַ אַנטשיידנדיקנ מאָמענט אונ מישט זיכ ניט אַרייַנ אינ אימ, וועט אפ אַ געוויסער צייַט באַגראָבנ ווערנ.

די פּאַסיווקייַט אונ אומטעטיקייַט, מאַסקירנדיק זיכ מיט אַ „לינקער“ פראַזע, דעקנ זיכ אָפּטמאָל צו אינ דער פּראַקטיק מיט שפּיל אינ קאָנספּיראַציע, אינ זעלבסט-אָפּגעשלאָסנקייַט פונ דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע אונ דעגענערירנ צו קאַרבאָנאַריזמ, וואָס איז פרעמד דעמ גייַסט פונ אַנ אַרבעטער-פּאַרטיי. פונ דער צווייטער זייַט, איז דער פּאַרלאַמענטאַרישער קרעטיניזמ, דאָס צופּאַסנ זיכ פאַר יעדנ פּרייַז צו דער בורזשואַזער לעגאַלקייַט, דאָס פאַרלייקענענ די באַדייַטונג פונ די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע-פאָרמענ, די מוירע פאַר גוואַלט פּאַראַליזירנ פונ זייער זייַט די שלאַכטפייִקייַט פונעמ אַרבעטער-קלאַס.

ענגעלס קעמפט קעגנ דער אַנטפּלעקונג פונ די ביידע מינימ פּאַסיווקייַט. ער לערנט די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייענ אַלמעגלעכ אויסצונוצנ די בורזשואַזע לעגאַלקייַט צוליב די אינטערעסנ פונ צונויפזאַמלענ די קרעפטנ פונעמ אַרבעטער-קלאַס אפ צוגרייטנ זיי צומ קאַמפ פאַר דער דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט, פאַרוואַנדלענדיק אַזויאַרומ די בורזשואַזע לעגאַלקייַט אינ אַ געווער פונ קאַמפ קעגנ דער בורזשואַזיע. ער דעמאַסקירט די באַקונינישבלאַנקיסטישע פאַרשווערערייַ, וואָס די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליציי ניצט אויס קעגנ די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, ער רעקאָמענדירט די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, זיי זאָלנ זייַנ באַזונדערס וואַכזאַמ בענעגייע די שפּיאָנענ אונ פּראָוואָקאַטערס, וואָס דרינגענ אַרייַנ אינ די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס. אונ אינ דער זעלבער צייַט

קאַרגט ער ניט קיין קלעפּ קעגן די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וואָס כאַנ-פּענען די רעגירונג און פּראָקלאַמירן, אַז די אַרבעטער-פּאַרטיי איז ניט קיין פּאַרטיי פון רעוואָלוציאָנערן געוואַלט.

„אָנפאַלן אַף געוואַלדטאַט, — שרײַבט מיט אופרעגונג ענ־געלס, — ווי אַף עפּעס אַזוינס, וואָס איז קלאָר ניט דערלאָזבאַר, בייס מיר ווייסן, אַז אין דער אונטערשטער שורע קאָן מען אָן געוואַלדטאַט צו קיין זאַך זיך ניט דערשלאָגן!..“ [1]

ענגעלס באַשטייט דערויף, אַז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערן זאָלן קאָנען זיך באַנוצן מיט אַלע פאָרמען פון קאַמף קעגן דעם קלאַסן-סוינע. און די דאָזיקע אָנווײַזונגען ענגעלסעס פאַרווירקלעכט די פּאַרטיי באָלשעוויקעס, אונטער דער אָנפירונג פון לענינען און סטאַלי-נען, אין דער קאָלאָסאַלער, 25-יאָריקער דערפאַרונג פון צונויפפּאָרן די לעגאַלע און אומלעגאַלע פאָרמען פון אַרבעט, דער דערפאַרונג, וואָס איז, ווי באַוווּסט, געלייגט געוואָרן אין גרונט פון די אָרגאַניזאַציאָ-נעלע באַשלוסן פון II קאָנגרעס פון קאָמינטערן.

צי האָבן אונדזערע סעקציעס ביז סאַמע אויסגענוצט די דאָזיקע אָנווײַזונגען און דערפאַרונג? ניין, ניט אויסגענוצט. אַ סאַך כאַווײרים זײַנען איבערצײַגט, אַז אין די באַדינגונגען פון פאַשיסטישן טעראָר איז ניט מעגלעך אַף אַ „לעגאַלן“ אופן זיך אָנקלאַמערן אין דער אַרבעט, איז ניט מעגלעך קיין אָפענע אַנטפלעקונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז ניט מעגלעך צו פאַנאַנדערוויקלען אַברייטן, אַ מאַסעווון קאַמף. אָבער דער פאַשיזם איז דאָך געצוווּנגען צו שאַפן אַ מאַסן־באַזע, צו בויען זײַנע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, אָנצוקומען צו סאָציאַלער דעמאַגאָגיע. פונדאַנען שטאַמט די אויפגאַבע פון די קאָמוניסטן אַרײַנצודרינגען אין די פאַשיסטישע מאַסן-אָרגאַניזאַציעס, ווענדן די פאַשיסטישע סאָציאַלע דעמאַגאָגיע קעגן דער פאַשיסטישער דיקטאַטור און אַזויאַרום אונטערײַסן די מאַסן־באַזע פון פאַשיזם. מע קאָן זיך ניט דורכרײַסן צו די מאַסן אָן אַ טאָגטעגלעכער, סיסטעמאַ־טישער אַרבעט אין די פאַשיסטישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, אָן דער צו־נויפפּאָרונג פון די לעגאַלע און אומלעגאַלע אַרבעט-מעטאָדן.

[1] „אַרכיוו פון מאַרקס און ענגעלס“, ב. I (VI) ז. 78, ענגעלסעס בריוו צו בלאָסן פון 21־טן פעווראַל 1874 י.

גלײַכצײַטיק איז ניט ריכטיק צו מיינען, אז אין די לענדער מיט א לעגאלער ארבעטער-באוועגונג זײַנען אונדז קיין אומלעגאלע אָרגאניזאציעס גאָר ניט נייטיק. דער אונטערנעמערישער טעראָר אין אלע לענדער צווינגט אונדז צו בויען די קעמערלעך אין די אונטערנעמונגען אומלעגאל. די פארשטארקונג פון דער פאשיסטישער געפאר פארפליכטעט די „לעגאלע" קאָמפארטייען אָנצונעמען אלע מאָסמיטלען אפילו אויפן פאל פון אריבערגאנג אפן אומלעגאלער לאגע, קעדיי ניט איבערצורײַסן די פעלערן פון דער איטאליענישער און דײַטשישער קאָמפארטייען. מע דארף געדענקען, אז די באוועגונג פון אייניקײַטלעכן פראָנט „לעגאליזירט" דע-פאקטאָ די סאמע גערוידעפטע און פארפאָלגטע קאָמפארטייען, אז דער מאסן-קאמף טראָגט ארויס אפן דער אויבערפלעך די סאמע טיף פארקאָנספירירטע אָרגאניזאציעס.

איינער פון די מינים פון דעם סכעמאטיזם און פארייניפאכונג, קעגן וועלכע עס האָט געקעמפט ענגעלס, איז די מעכאנישע אָנווענדונג פון די טאקטישע גרונט-האנאָכעס, ווען עס ווערט ניט דיסקאָנטירט די אייגנארטיקײַט פון די באדינגונגען אין יעדן לאנד באזונדער.

מיר זײַנען א וועלט-פארטיי פונעם פראָלעטאריאט, א פארטיי, וואָס איז אויסגעבויט אפן יעסוידעס פון עמעסער פאָליטישער און אָרגאניזאציאָנעלער אייניקײַט, א פארטיי, וואָס סומירט און פאראלגעמיינערט די גאנצע דערפארונג פון דער אלוועלטלעכער ארבעטער-באוועגונג, א פארטיי, וואָס פארמאָגט אווירקלעכע אינטערנאציאָנאלע טאקטיק, וועלכע באזירט זיך אפן דער אינטערעסן-אייניקײַט פונעם אינטערנאציאָנאלן פראָלעטאריאט. אָבער די דאָזיקע אינטערנאציאָנאלע טאקטיק איגנאָרירט בעשומויפן ניט די אונטערשיידן, וואָס ווערן פארורזאכט פון די באזונדערקײַטן אין דער אנטוויקלונג פון באזונדערע לענדער. אינטערנאציאָנאליזירן די דערפארונג פון דער אלוועלטלעכער ארבעטער-באוועגונג באטײַט ניט אויסארבעטן א שאבלאָן, וואָס מע קאָן אלציינס אָנווענדן צו דער ארבעטער-באוועגונג פון אלע לענדער. דער, וואָס מיינט, אז ס'איז גענוג צו האָבן עטלעכע גרייטע פאָרמולעס אין קעשענע, קעדיי צוגעבן דער גאנצער אלוועלטלעכער ארבעטער-באוועגונג איין אויסזען, דער אינטערנאציאָנאליזירט

ניט די ארבעטער-באוועגונג, נאָר ער פארגליווערט זי און שטערט איר אנטוויקלונג.

ענגעלס איז געוועג א קלאסישע פיגור פונ אנ עמעסנ אינטערנאציאָנאלנ פירער, וואָס האָט פולקום באהערשט דעמ סאָד פונ ריכטיקנ צונויפפאָרנ דעמ אינטערנאציאָנאלנ כאראקטער פונ אונדזער קאָמוניסטישער באוועגונג מיטנ דיסקאָנט פונ אירע נאציאָנאלע באזונדערקייטנ. ער איז געווענ ענג פארבונדנ מיט דער דייטשישער ארבעטער־באוועגונג, ער האָט אויסגעצייכנט געקענט אינ אלע איינצלהייטנ אויכ די פראנצויזישע ארבעטער-באוועגונג; פונ 1844 יאָר איז ער געווענ אנ אקטיווסטער אָנטיילנעמער אינעמ קאמפ פונעמ ענגלישנ פראָלעטאריאט, ער האָט טיפ דערלערנט די אמעריקאנישע ארבעטער־באוועגונג (און איז אליינ געווענ אפ יענער זייט אָקעאנ); ער איז געווענ אנ אויסערגעוויינלעכער קענער פונ די באדינגונגענ און פונעמ גאנג פונעמ פראָלעטארישנ קאמפ אינ איטאליע און אינ די פירענייִשע לענדער; ער האָט זיכ טיפ אינטערעסירט מיט דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג פונ רוסלאנד, פונ די מיירעוו־סלאווישע און דאָרעמ-סלאווישע לענדער.

טאקע אָט דאָס טיפע וויסנ די לאגע אינ באזונדערע לענדער האָט דערלויבט ענגעלסנ ריכטיק אָנצופירנ מיט די ארבעטער־פארטייענ פונ די דאָזיקע לענדער, זייַנ אנ עמעסער פירער און אָרגאניזאטער פונעמ פראָלעטארישנ אינטערנאציאָנאל.

„די באפרייַונג פונעמ איטאליענישנ פויער, — האָט ענגעלס געשריבנ צו באָוויאָ, — וועט פאָרקומענ ניט אינ דער פאָרמ, אינ וועלכער עס וועט פארווירקלעכט ווערנ די באפרייַונג פונ די ענגלישע פאבריק-ארבעטער; אָבער וואָס מער דער און יענער וועלנ אויסנוצנ די פאָרמענ, וואָס אנטשפרעכנ זייערע באדינגונגענ, אלץ מער וועט דאָס אנטשפרעכנ דעמ טאָכ פונ דער זאכ". [1]

דאָס זייַנענ ענגעלסעס וויכטיקסטע טאקטישע אָנווייַזונגענ אינ שייַנ פונ אונדזער גרויסער עפּאָכע, אינ שייַנ פונ די אויפגאבנ, וואָס שטייענ פאר אונדזער קאָנגרעס.

1 מארקס און ענגעלס, ווערק, ב. XXVI, ז. 233, ענגעלסעס בריוו צו דזשענארא באָוויאָ פונ 16־טנ אפרעל 1872 יאָר.

ענגעלס האָט אונדז געלערנט באם באשטימען אונדזער טאקטיק צוגיין צו די לעבעדיקע רעוואָליוציאָנערע פראָצעסן אינעם לעבן פון די פעלקער ניט מיט קיין צוגעטראכטע סכעמעס, ניט מיט פאָרויס צוגעגרייטע מאסשטאבן, נאָר אפן גרונט פון טיפן שטודירן אין יעדן לאנד באזונדער אין יעדן געגעבענעם מאָמענט די געגעבענע דיסלאָקאציע פון די קלאסן-קרעפטן, אפן גרונט פון דיסקאָנטירן די לאגע פון יעדן קלאס באזונדער, פון יעדער גרופע זײַנער, אפן גרונט פון שטודירן דעם קאָמפלעקט פון אלע קלאסן-ווידערשפרוכן און די מיטלען פון אויסנוצן זיי מיצאד דעם פראָלעטאריאט, אומבאדינגט דיסקאָנטירנדיק די גאנצע אינטערנאציאָנאלע סיטואציע.

ענגעלס האָט אונדז געלערנט צו זײַן א שלאכט-פארטיי, אן אקטיווע פארטיי, סײַ אין די מאָמענטן פון אופשטײַג פון דער כוואליע פון דער באוועגונג סײַ אין די מאָמענטן פון איר צײַטווײַליקן אראָפפאל קענען געפינען דאָס באזונדערע, וואָס בארירט אמטיפסטן די מאסן, וואָס גיט דער פארטיי די מעגלעכקײַט צו פארברייטערן און צו פארפעסטיקן איר פארבינדונג מיטן ארבעטער-קלאס און מיט די ארבעטנדיקע, ניט נאָר ארײַנגיסן זיך אין דער באוועגונג, ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן, נאָר אויך צוגרייטן, אָרגאניזירן זי און, דעראָבערנדיק דעם צוטרוי בא די מאסן, שטעלן זיך בעראָש פון איר, קענען ענטפערן אפ יעדער געשעעניש, וואָס רעגט די מאסן, קענען פאנאנדערוויקלען די גרעסטע באוועגונגען ביז אנטשיידנדיקע שלאכטן און דערמיט גופע פארוואנדלען די פארטיי אין אזא קראפט, וואָס אימפאָנירט אלע ארבעטנדיקע און העכערט בא זיי דעם צוטרוי צו זייערע אייגענע קרעפטן.

ענגעלס האָט אונדז געלערנט ניט איבערצונעמען זיך אין מאָמענטן פון ניצכוינעס, ניט אראָפלאָזן דעם קאָפ אין מאָמענטן פון צײַטווײַליקע מאפאָלעס. אין פאל פון א מאפאָלע ניט מוירע האָבן אָנצוהייבן פון אָנהייב, נאָר אָנהייבן מיט א פעסטן גלויבן, אז דאָס צווייטע מאָל מוזן מיר זיך דערשלאָגן צו א זיג.

ענגעלס האָט אונדז געלערנט דורכצופירן אזא מאסן-פאָליטיק, וואָס זאָל אנטשפרעכן די לעבנסוויכטיקסטע אינטערעסן פון די סאמע ברייטסטע מאסן ארבעטנדיקע, וואָס זאָל

מיטהעלפנ צו באהעפטנ ארומ דעמ פראָלעטאריאַט די פויערישע מאסנ און די ארבעטנדיקע פונ דער שטאָט. אינ דער איצטיקער סיטואַציע באטײַט דאָס פריִער פאר אלצ די אײַנשטעלונג פונ א פאָלק-פראָנט קעגנ דעמ פאשיזמ אינווייניק אינ די קאפיטאליסטישע לענדער און א פראָנט פונ די פעלקער קעגנ מילכאָמע אפ דער אינטערנאציאָנאלער ארענע. (אפלאָדיסמענטנ.)

ענגעלס האָט אונדז געלערנט ניכטער אָפּצושאצנ די לאגע, ניט פארלירנ פּאָרויס, קאָלזמאנ די ברייטע מאסנ זײַנענ ניט ארײַנגעצויגנ אינ דער באוועגונג, אָבער אויכ זיכ ניט נאָכשלעפנ נאָכ די דאָזיקע מאסנ, ניט אָריִענטירנ אונדזער טאקטיק אפנ סאמע אָפּגעשטאנענעמ טייל זייערנ, קעגנ מיט דער אנטשיידנקײַט און האסטיקײַט פונ די האנדלונגענ מיטרײַסנ די דאָזיקע מאסנ פאָרויס, פארפעסטיקנ יעדנ דערפאָלג פונ דער באוועגונג און מאכנ אימ פאר אנ אויסגאנג-פונקט פונ נײַע דערפאָלגנ.

ענגעלס האָט אונדז געלערנט צו קעמפנ פאר יעדנ שפאנ דעראָבערונגענ פונעמ ארבעטער-קלאס, אויסצונוצנ יעדנ ווידערשפרוכ אינעמ לאגער פונ די סאָנימ, קיינמאָל ניט מאקרעוו זײַענדיק דעמ קלאסנ־כאראקטער פונ דער פארטיי און די אינטערעסנ פונ פארפעסטיקנ דעמ פראָלעטאריאַט, זײַנ אומעטומ אינ די אָרגאניזאציעס, ווו עס געפינט זיכ די ארבעטער-מאסע, אָנווענדנ אומלעגאלע און לעגאלע קאמפ־פאָרמענ, וואָס אינ די איצטיקע באדינגונגענ באטײַט עס פארפעסטיקנ די אומלעגאלע אָרגאניזאציע דורכ דער פארברייטערונג פונ איר לעגאלנ אײַנפלוס אינ די מאסנ און פארברייטערנ דעמ דאָזיקנ אײַנפלוס מיט דער הילפ פונ פארפעסטיקנ די אומלעגאלע אָרגאניזאציע.

מיר לעבנ און קעמפנ אינ אנ אומפארגלײַכלעכ מער קאָמפּליצירטער סיטואציע, ווי די, וואָס איז געווענ אינ ענגעלסעס צײַטנ. אָבער ענגעלסעס רײַכסטע טאקטישע ירושע היט אײַנ איר באדײַטונג פאר אונדז אויכ אינ אָט דער נײַער סיטואציע. די קאָמוניסטנ וועלנ נאָכ לאנג שעפנ פונ דער דאָזיקער ירושע און וועלנ אפ א באָלשעוויסטישנ אויפנ רעאליזירנ ענגעלסעס אָנווײַזונגענ.

צו באטײַטנ דאָס, אז די דאָזיקע אָנווײַזונגענ זײַנענ גענוג אפ

צו באשטימענ אונדזער טאקטיק? געוויס ניט. פונקט ווי מארקס, איז ענגעלס צוליב די היסטאָרישע באדינגונגענ נאָכ ניט געווענ אימשטאנד צו שאפנ אונ האָט ניט געשאפנ קיינ פארענדיקטע וויסנשאפט וועגנ דער סטראטעגיע אונ טאקטיק פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פראָלעטאריאט. אָבער אינ גרונט פונ דער דאָזיקער וויסנשאפט, וואָס לענינס אונ סטאלינס געני האָט געשאפנ, זיינענ פארלייגט די מערקווירדיקע געדאנקענ וועגנ דער סטראטעגיע אונ טאקטיק, וואָס עס האָבנ אנטוויקלט אונ לויט זייערע קרעפטנ רעאליזירט די גרויסע גרונטלייגער פונעמ קאָמוניזמ. (אפלאָדיסמענטנ.)

III. מיר זעצן פֿאָר ענגעלסעס ווערק

מיר, קאָמוניסטן, זײַנען די פֿאָרזעצער פֿון ענגעלסעס ווערק.

די גרויסע, אומבאזיגבארע קראפט פון דער רעוואָליוציאָנערער לערע, וואָס ענגעלס און מארקס האָבן געשאפן, באשטייט דערין, וואָס זי לעבט און אנטוויקלט זיך צוזאמען מיטן קעמפנדיקן פראָלעטאריאט, בארײַכערט זיך מיט זײַן נײַער דערפארונג, שלײַפט זיך אויס אין קאמף קעגן זײַנע סאָנים.

די פירער פונעם II אינטערנאציאָנאל האָבן זיך ניט ארויסגעוויזן פייִק צו אנטוויקלען ווײַטער דעם מארקסיזם. זיי האָבן אופגענומען מארקס און ענגעלסעס לערע ניט ווי א ריכט-ליניע פאר דעם רעוואָליוציאָנערן טאט פונעם פראָלעטאריאט, ניט ווי א לערע וועגן דער נייטיקייט צוצוגרייטן די מאסן צום אראָפּווארפן מיט גוואלט די הערשאפט פון דער בורזשואזיע, צו פארניכטן די קלאסן ביכלאל. אײנע פון די פירער פונעם II אינטערנאציאָנאל האָבן רעווידירט דעם מארקסיזם, האָבן אים „דערגאנצט" מיט דער באהויפטונג, אז די אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם ווערט באגלייט ניט מיט קיין פארשארפונג פון די קלאסן-אנטאגאָניזמען, נאָר, פארקערט, מיט א פארמילדערונג זייערער. אנדערע פון זיי, וואָס האָבן מיטן מויל אנערקענט די ריכטיקייט פון די גרונט-האנאָכעס פון מארקסיזם, האָבן פארוואנדלט די דאָזיקע האנאָכעס אין א דאָגמע, וואָס בארעכטיקט דאָס שאָלעם מאכן מיט דער קאפיטאליסטישער ווירקלעכקייט, וואָס בארעכטיקט די אונטערשטיצונג פון דער רעפאָרמיסטישער פראקטיק. די דאָזיקע מענטשן האָבן זיך גערופן מארקסיסטן, אָבער דעם מארקסיזם האָבן זיי פארקריפלט, פארפלאכט, ארויסגעהוילט זײַן רע-

וואָליוציאָנערנ סאָכ. אַזוי האָט די טעאָריע אונ די פּראַקטיק פונעמ II אינטערנאַציאָנאַל אַלצ אינ א גרעסערער אונ גרעסערער מאָס רעפּראָדוצירט די וווּלגאַרע קלײנבירגערלעכע כאָכמע, קעגנ וועלכער ענגעלס האָט מילכאָמע געהאַלטנ זײַנ גאַנצ לעבנ. די פירער אונ אידעאָלאָגנ פונ II אינטערנאַציאָנאַל זײַנענ *פּאָרזעצער ניט פונ ענגעלסעס ווערק, נאָר פונעמ ווערק פונ זײַנע סאָנימ.*

ענגעלס איז פונ אונדז אַוועק אינמיטנ פונ די 90-ער יאָרנ. אָבער גראָד אינ די דאָזיקע יאָרנ האָט אָנגעהויבנ זײַנ רעוואָליוציאָנערע אַרבעט לענינ, וועמענס נאָמענ עס איז געוואָרנ דער וועגווײַזנדיקער שטערנ פאַר דעמ גאַנצנ אינטערנאַציאָנאַלנ פּראָלעטאַריאַט.

מאַרקס אונ ענגעלס האָבנ געלעבט, געאַרבעט אונ געקעמפט אינ דער עפּאָכע פונ פאַרמאָנאָפּאָליסטישנ קאַפּיטאַליזמ, ווענ די אַנטוויקלונג פונ דער בורזשואַזער געזעלשאַפט איז אינ אַלגעמײנ געגאַנגענ באַרג-אַרופ; אינ דער עפּאָכע פונ נאַציאָנאַלע מילכאָמעס אונ פונ פאַרענדיקנ די בורזשואַזע רעוואָליוציעס אינ מײַרעוו-אייראָפּע; אינ דער עפּאָכע, ווענ ענגלאַנד האָט נאָכ אײַנגעהיט דעמ אַלוועלטלעכנ האַנדל-אינדוסטריעלנ פּרימאַט, אונ דער אַוואַנגאַרד פונעמ וועלט-פּראָלעטאַריאַט איז נאָכ געווענ דער דײַטשישער פּראָלעטאַריאַט; אינ דער עפּאָכע, ווענ די אַרבעטער-באַוועגונג האָט זיכ אויסגעפורעמט ווי א זעלבשטענדיקע פּאָליטישע באַוועגונג, ווענ עס האָבנ זיכ נאָכ ערשט אָנגעהויבנ אויסבילדנ די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייענ. די דאָזיקע עפּאָכע האָט געגעבנ מאַרקסנ אונ ענגעלסנ אַלע נייטיקע עלעמענטנ, קעדיי צו באַוואָפּענענ דעמ פּראָלעטאַריאַט *מיט דעמ מעכטיקנ געווער פונ א רעוואָליוציאָנערער טעאָריע.*

אָבער מאַרקס אונ ענגעלס האָבנ קײנמאָל ניט פּרעטענדירט צו פּאָרויסזענ דעמ פּינקטלעכנ מאַרשרוט פונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, צו פּאָרשרײַבנ איר א פּינקטלעכנ טאַקטישנ רעגלאַמענט, צו געבנ אָנ ענטפער אָפ אַזוינע פראַגנ, וואָס אינ די באַדינגונגענ פונ זייער עפּאָכע האָט מענ זיי ניט געקאָנט לייזנ.

ענגעלס, וואָס האָט געווידמעט גלענצנדיקע זײַטלעכ דער אַנטוויקלונג פונעמ סאָציאַליזמ פונ אָנ אוטאָפּיע צו א וויסנשאַפט, איז ניט

איינ מאָל באפאלנ מיט כויזעק די אלע, וואָס, פארלאָזנדיק דעמ באָדנ פונ וויסנשאפט, פלעגנ זיי זיכ קליגלענ איבער דער „ארכיטעקטאָניק פונ דער צוקינפטיקער געזעלשאפט". ער האָט ניט איינ מאָל געשריבנ, אז ער איז רויִק פאר די „מענטשנ פונ דער צוקינפטיקער געזעלשאפט, וואָס וועלנ זייִנ אלנפאלס ניט נארישער פונ אונדז מיט אייִכ".

וועגנ דער מארקסישער קריטיק פונעמ קאפיטאליזמ האָט ענגעלס געשריבנ, אז „די רעזולטאטנ פונ דער דאָזיקער קריטיק אנטהאלטנ אויכ עמבריאָנענ פונ אזויגערופענע באשלוסנ, אפ וויפל באשלוסנ זייִנענ בכלל מעגלעכ בא איצטיקער צייִט". דאָס איז, פארשטייט זיכ, אינגאנצנ צוגעפאסט אויכ צו די ווערק פונ ענגעלסנ אלייִנ. אונ די דאָזיקע גענ׳אלע אידייענ, סקיצנ, עמבריאָנענ, פארבייִ וועלכע די פעדאנטנ אונ פיליסטערס פונעמ II אינטערנאציאָנאל זייִנענ אינ זייער בלינדקייִט פארבייִגעגאנגענ, האָבנ ווייִטער אנטוויקלט אונ פארוואנדלט אינ א הארמאָנישער לערע די גרויסע באָלשעוויקעס — לענינ אונ סטאלינ.

פאר לענינענ איז דער מארקסיזמ געוועזנ ניט קיינ דאָגמע, נאָר א ריכט-ליניע צו רעוואָליוציאָנערנ טאט. נאָכ סאָפ פאָריקנ יאָרהונדערט האָט לענינ, אינ צוזאמענהאנג מיט די שלאכטנ ארומ דער פארטיי-פראָגראמ, געשריבנ:

„מיר באטראכטנ אבסאָליוט ניט מארקס טעאָריע ווי עפעס א פארענדיקטע אונ אומבארירלעכע; פארקערט, מיר זייִנענ איבערצייִגט, אז זי האָט בלויז אוועקגעלייגט די ווינקל-שטיינער פונ דער וויסנשאפט, וועלכע די סאָציאליסטנ מוזנ רוקנ ווייִטער אינ אלע ריכטונגענ, אויב זיי ווילנ ניט אָפשטיינ פונעמ לעבנ". [1]

שוינ אינעמ „קאפיטאל" איז פאָרויסגעזאָגט דער ריזיקער וווּקס פונ די קאפיטאליסטישע מאָנאָפאָליעס. אינ ענגעלסעס לעצטע ווערק (צומבייִשפיל, אינ דער סקיצע וועגנ דער בירזשע) איז שוינ פאראנ א פרווו צו כאראקטעריזירנ די נייִע דערשייִנונגענ אינ דער עקאָנאָמיק פונעמ קאפיטאליזמ. אָבער ענגעלס איז געשטאָרבנ אונ האָט ניט באוויזנ אופצודעקנ די באזונדערקייִטנ פונ דער אימפעריאליסטישער סטאדיע פונעמ קאפיטאליזמ, וועלכע האָט זיכ אָנגעהויבנ שוינ אינ די 90־ער יאָרנ.

---

1 לענינ, אונדזער פראָגראמ, ווערק, ב. II, ז. 492, 3־טע אופלאגע.

דער מאָנאָפּאָליסטישער, פֿוילנדיקער קאַפּיטאַליזם; די אויסערגע-ווײַנלעכע פֿאַרשאַרפֿונג פֿון אַלע קאַפּיטאַליסטישע ווידערשפּרוכן; דער אַלגעמײנער קריזיס פֿונעם קאַפּיטאַליזם, וואָס זײַן אויסגאַנג-פּונקט איז געווען די וועלט-מילחמה פֿון די יאָרן 1914—1918, און דער זיג פֿון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, וועלכע האָט געעפֿנט אַ נײַע עפּאָכע אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהײַט; די סאָציאַליסטישע בויונג און דער זיג פֿונעם סאָציאַליזם אין סססר — אָט דאָס איז דאָס נײַע, וואָס ענגעלס האָט ניט געוווּסט און האָט ניט געקאָנט וויסן, אָט דאָס איז דאָס נײַע, וואָס די מאַרקסיסטן האָבן געמוזט טעאָרעטיש פֿאַראַלגעמײנערן און דערמיט גופֿא באַוואָפֿענען דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט פֿאַר זײַן ווײַטערדיקן קאַמף.

אינעם שמועס מיט דער אַמעריקאַנער אַרבעטער - דעלעגאַציע האָט סטאַלין אַף עטלעכע זײַטלעך געגעבן אַ געפּרעסטע כאַראַקטע־ריסטיק פֿון דעם בײַטראָג, וואָס לענין האָט אַרײַנגעבראַכט אינעם אוצער פֿון מאַרקסיזם. די דאָזיקע עטלעכע קאַרגע זײַטלעך דאַרף מען לייענען און איבערלייענען: זיי האָבן דעם ווערט פֿון אַ סאַך בענדער. דאָ רעזומירט סטאַלין דעם אינהאַלט פֿונעם לענינשן עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פֿונעם מאַרק־סיזם: דער אַנאַליז פֿונעם אימפּעריאַליזם אַלס לעצטע פֿאַזע פֿונעם קאַפּיטאַליזם, די ווײַטערדיקע פֿאַנאַנדעראַרבעטונג פֿונעם איקער אין מאַרקסיזם — די לערע וועגן דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור; די פֿאַ־נאַנדעראַרבעטונג פֿון דער פֿראַגע וועגן די פֿאָרמען און אופֿאַנים פֿון דער סאָציאַליסטישער בויונג אינעם פּעריאָד פֿון דער פּראָלעטאַרי-שער דיקטאַטור; די שאַפֿונג פֿון אַ האַרמאָנישער סיסטעם פֿון דער העגעמאָניע פֿונעם פּראָלעטאַריאַט; די פֿאַנאַנדעראַרבעטונג פֿון דער נאַציאָנאַל־קאָלאָניאַלער פֿראַגע אַלס פֿראַגע וועגן די רעזערוון פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע; די שאַפֿונג פֿון דער לערע וועגן דער פּאַרטיי.

לענינען געהערט דער פֿאַרדינסט פֿון באַשטימען די פּאָזיציע פֿון די קאָמוניסטן אין אימפּעריאַליסטישע מילחמות — די פּאָזיציע, וואָס ער האָט פֿאַרפֿיקסירט אינעם לאָזונג פֿון פֿאַרוואַנדלען די אימ־פּעריאַליסטישע מילחמה אין אַ בירגערקריג. און דאָס

דארפ מענ נאָכ מער אונטערשטרייַכנ, ווייַל עס זייַנענ געוועזנ פרוווונ פאַרצושטעלנ די זאַכ אזוי, אז דער שטאמפאַטער פונ דעמ דאָזיקנ לאָזונג איז געווענ ענגעלס. דאָס איז ניט ריכטיק, כאווײרים. ענ-געלס האָט איבערגעגעבנ פארדינסטנ פארנ אלוועלטלעכנ ארבעטער-קלאס, אז מיר זאָלנ אימ צושרייַבנ דאָס, וואָס ער האָט ניט געזאָגט. ענגעלס האָט ניט געלעבט אינ דער עפּאָכע פונ אימפּעריאליזמ, אימ איז אויסגעקומענ אָנצומערקנ די פּאָזיציעס פונעמ אינטערנאציאָנאלנ סאָציאליזמ דערהויפּט בענעגייע די נאציאָנאלע מילכאָמעס. ווענ די באָלשעוויקעס וואָלטנ צוגעגאנגענ דאָגמאטיש צו ענגעלסעס ווערק פונ די 90-ער יאָרנ, וואָלטנ זיי אינ דער פראגע וועגנ די אימ-פּעריאליסטישע מילכאָמעס ניט געקאָנט אנטוויקלענ די מארקסיסטי-שע פּאָזיציע אזוי, ווי דאָס האָט געטאָנ לענינ. לענינ, און נאָר לע-נינ, האָט געגעבנ א פּרינציפּיעל נייַע און איינציק ריכטיקע אייַנ-שטעלונג סייַ אינ דער פראגע וועגנ דעמ כאראקטער פונ דער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע סייַ אינ דער פראגע וועגנ דער פּאָזי-ציע פונ דער פּראָלעטארישער פּארטיי בענעגייע צו איר. און טאקע דערפאר, וואָס מיר ערנ דעמ אָנדענק פונ אונדזער גרויסנ לערער ענגעלס, זייַנענ מיר קעגנ פארוואנדלענ אימ אינ אנ איקאָנע, קעגנ פארשווייַגנ אָדער צופוצנ דעמ היסטאָרישנ עמעס.

דאָס ווערק פונ לענינענ, וואָס האָט אופגעהויבנ דעמ מארק-סיזמ אפ א נייַער שטופּע, האָט אינ אלע ריכטונגענ פאָרגעזעצט סטאלינ. אינ די ווערק, אינ די רעדעס, אינ דער גאנצער טעטי-קייַט פונ סטאלינענ און פונ דער אינטערנאציאָנאלער פּארטיי פונ באָלשעוויזמ, מיט וועלכער ער פירט אָנ, לעבט, וואקסט און באררייַכערט זיכ די מארקסיסטיש-לענינשע טעאָריע, וואָס איינער פונ אירע גרונטלייגער איז געווענ ענגעלס. (אפּלאָ-דיסמענטנ.)

סטאלינ האָט אנטוויקלט דעמ מארקסיזמ אינ איינער פונ די גרונט-פראגנ פונ אונדזער עפּאָכע — אינ דער פראגע וועגנ אויסבויענ דעמ סאָציאליזמ אינ איינ לאנד. די באָלשעוויקעס האָבנ זיכ ניט געקלאמערט אָנ ענגעלסעס אלטע פאָרמולעס, וואָס האָבנ געטויגט פאר א צווייטער, שוינ לאנג דורכגעגאנגענער שטופּע. און-

טער סטאַלינס אָנפירונג האָבן זיי צעקלאַפּט ביזן גרונט די טראָצ־קיסטן און זינאָוויעוורצעס, וואָס האָבן זיך געפּרוווט אויסנוצן די דאָזיקע פּאָרמולעס קעגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע. לעניִן האָט דערוויזן, אַז בא דער ניט־גלייכמעסיקער, שפּרונגאַרטיקער קאַ־פּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג אין די באַדינגונגען פונעם אימפּעריאַליזם איז מעגלעך דער זיג פונעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד. סטאַלין האָט אַנטוויקלט, פאַרטיידיקט און רעאַליזירט די דאָ־זיקע טעאָריע. (אַפּלאָדיסמענטן.)

„דאָס, וואָס ענגעלס האָט געהאַלטן אין די 40-ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט אין די באַדינגונגען פונעם פאַרמאָנאָ־פּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם פאַר ניט-אויספירבאַר און אומעגלעך פאַר איין לאַנד, איז געוואָרן אויספירבאַר און מעגלעך אין אונדזער לאַנד, אין די באַדינגונגען פונעם אימפּעריאַליזם.

פאַרשטייט זיך, ווען ענגעלס וואָלט געלעבט,—האָט סטאַלין געזאָגט אויף דער XV קאָנפערענץ פון דער אַלקפּ(ב), — וואָלט ער זיך ניט געקלאַמערט אָן דער אַלטער פאָרמולע, נאָר, פאַרקערט, ער וואָלט אַלמעגלעך באַגריסט אונדזער רעוואָליוציע און וואָלט געזאָגט: „צום טייוול אַלע אַלטע פאָרמולעס, זאָל לעבן די זיג־רייכע רעוואָליוציע אין פּסס״ר!״[1]

ניט אין דער „קריטיק פון דער גאָטאער פּראָגראַם״, ניט און ענגעלס ווערק, ניט אין לענינס „מעלוכע און רעוואָליוציע״ זיינען ניט אוועקגעשטעלט געוואָרן די קאָנקרעטע פראַגן פון דער ערשטער פאַזע פונעם קאָמוניזם, וואָס סטאַלין האָט אוועק־געשטעלט און וואָס ער האָט געלייזט מיט דער גרעסטער דרייסטקייט און טיפקייט.

דעם סאָציאַליזם האָבן מיר אָנגעהויבן בויען אין אַן אָרעם און רויִנירט לאַנד, אַ לאַנד, וואָס האָט געיאַרשנט פון דער בורזשואַזיע אַ נידעריקן טעכניש־עקאָנאָמישן ניוואָ, אין אַ לאַנד, וואָס איז אַרום־גערינגלט מיט קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס. און דערביי האָבן מיר דעם

1 סטאַלין, וועגן דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אָפּנייג אין אונדזער פּאַרטיי זאַמ־לונג „וועגן דער אָפּאָזיציע״, ז. 379, מעלוכע-פאַרלאַג, 1928 יאָר.

סאָציאַליזמ אָנגעהויבנ בויענ צומ ערשטנ מאָל אינ דער געשיכטע פונ דער מענטשהייט.

און, אנטוויקלענדיק ווייטער מארקס, ענגעלסעס און לענינס לערע, שעפעריש רעאליזירנדיק זי אינעם לעבעדיקנ לעבנ, האָט סטאַלינ דער ערשטער קאָנקרעט פאנאנדערגעארבעט דעמ איינהייטלעכנ און טיפ דורכגעטראכטנ פּלאנ פונ סאָציאַליסטישנ אָנגריפ אינ אונדזער לאנד; ער האָט פאנאנדערגעארבעט די פראגע וועגנ דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזאציע אלס באדינג פונעמ זיג פונעמ סאָציאַליזמ אינ פססר; וועגנ דער קאָלווירטישער אָרדענונג, אלס וועג פונ סאָציאַליסטישנ איבערמאכנ דאָס פויערטומ אונטער דער פּראָלעטארישער אָנפירונג; וועגנ די עטאפּנ און אויפגאבנ פונ פארניכטנ די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ (פונ דער פּאָליטיק פונ באגרענעצנ די דאָזיקע עלעמענטנ צו דער פּאָליטיק פונ ליקווידירנ דאָס באלעבאָסטע אלס קלאס); וועגנ דער אָרגאניזאציע פונ דער ארבעט אינ די באדינגונגענ פונ סאָציאַליסטישער בויונג און וועגנ דעמ קאמפ קעגנ דער קליינבירגערלעכער אויסגלייכעריי; וועגנ די באדינגונגענ און די וועגנ פונ פארניכטנ די קאַפּיטאַליסטישע רעשטלעכ אינעמ באוווסטזיינ פונ די מענטשנ, וועגנ דער בויונג פונ א נייער, סאָציאַליסטישער קולטור. סטאַלינ האָט באוויזנ, אז בויענ דעמ סאָציאַליזמ — הייסט פריער פאר אלצ פארפעסטיקנ די פּראָלעטארישע דיקטאטור, און די פארפעסטיקונג פונ דער פּראָלעטארישער דיקטאטור און די דערפאָלגנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג טראָגנ מיט זיכ דעמ אויפבלי פונ דער פּראָלעטארישער דעמאָקראטיע. און די דאָזיקע אלע סטאַלינס טעאָרעטישע האנאָכעס האָבנ די באָלשעוויקעס אונטער זיינ אָנפירונג פארוואנדלט אינ פלייש און בלוט.

אזעלכע ווערק און ארויסטרעטונגענ סטאַלינס, ווי זיינע פאָרטראָגנ אפ די פּארטיי-צוזאמענפאָרנ, ווי זיינ רעדע אפ דער קאָנפערענצ פונ די אגראר-טוער — מארקסיסטנ, ווי זיינע בארימטע זעקס באדינגונגענ, ווי דער סטאַלינשער קאָלווירטישער סטאטוט, ווי די ענדערונגענ אינ דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע, וואָס ער האָט אָנגעמערקט, ווי זיינ ארויסטרעטונג וועגנ די נייע מענטשנ, וואָס האָבנ באהערשט די טעכניק, — קורצ גערעדט, יעדע ארויסטרעטונג סטאַלינס

איז ניט נאָר א וועג-צייכן אפן וועג פון דער סאָציאליסטישער בויונג אין פססר: דאָס איז גלייכצייטיק אויך א וועג־צייכן פון דער באַ־רייכערונג און פארטיפערונג פון דער מארקס־לענינשער טעאָריע. אפ די דאָזיקע ווערק לערנען זיך און וועלן זיך לערנען די פאָרגעשריטענע ארבעטער פון אלע לענדער.

סטאלין גיט א מוסטער פון דער פּאָליטיק פון א פּראָלעטארישער מעלוכע, וואָס בויט א קלאסנלאָזע, סאָציאליסטישע געזעלשאפט אין די באדינגונגען פון דער קאפיטאליסטישער ארומרינגלונג. סטאלין ארבעט פאנאנדער די יעסוידעס פון דער פּאָליטיק פון דער פּראָלעטארישער וועלט-פארטיי — פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאל — אין די באדינגונגען פונעם אלגעמיינעם קריזיס פונעם קאפיטאליזם און פונעם קאמפ פון די צוויי סיסטעמען — פונעם קאפיטאליזם און סאָציאליזם. אפ דער דערפארונג פון דער כינעזישער רעוואָליוציע האָט סטאלין פאנאנדערגעארבעט די פראגע וועגן די קאָנקרעטע וועגן פונעם אריבערוואקסן פון די נאציאָנאל־רעוואָליוציאָנערע באוועגונגען אין א ראטן־רעוואָליוציע. סטאלין האָט אופגעהויבן אפ א נייער שטופע די לערע פון מארקס—ענגעלס—לענין וועגן דעם איבערגאנג־פּעריאָד פון קאפיטאליזם צו סאָציאליזם. (אפלאָדיסמענטן.)

לענין און סטאלין האָבן זיך ניט באגרענעצט מיט מארקס און ענגעלסעס איינצלנע סקיצן איבער די פראגן פון סטראטעגיע און טאקטיק. אין זיין בוך „וועגן די יעסוידעס פון לעניניזם“, דעם האנטבוך פאר די פּראָלעטארישע רעוואָליוציאָנערן פון דער גאנצער וועלט, האָט סטאלין געשריבן, אז בלויז אינעם

„...פּעריאָד פון די אָפענע ארויסטרעטונגען פונעם פּראָלעטאריאט, אינעם פּעריאָד פון דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע, ווען די פראגע וועגן אראָפּווארפן די בורזשואזיע איז געוואָרן א פראגע פון דירעקטער פראקטיק, ווען די פראגע וועגן די רעזערוון פונעם פּראָלעטאריאט (סטראטעגיע) איז געוואָרן איינע פון די סאמע צאפלדיקע פראגן, ווען אלע פאָרמען פון קאמפ און אָרגאניזאציע — סיי פארלאמענטישע סיי אויסערפארלאמענטישע (טאקטיק) — האָבן זיך ארויסגעוויזן מיט דער פולער באַ־

שטימטקייט, — בלויז אין דעם פעריאָד האָבן געקאָנט אויסגעאַר־
בעט ווערן אַ פאַרגאַנצטע סטראַטעגיע און אַ פאַנאַנדערגעאַרבעטע
קאַמפ־טאַקטיק פונעם פּראָלעטאַריאַט״.[1]

לענינען און סטאַלינען געהערט דער פאַרדינסט, וואָס זיי האָבן
זיך ניט באַגרענעצט מיט אופשטעלן באַזונדערע טאַקטישע האַנאָכעס
פון מאַרקסן און ענגעלסן, נאָר זיי האָבן זיי ווייטער אַנטוויקלט און
געשאַפן די סטראַטעגיע און טאַקטיק פונעם לעניניזם — אַ פאַרגאַנצטע
וויסנשאַפט וועגן דער אָנפירונג מיטן רעוואָליוציאָנערן קאַמף פונעם
פּראָלעטאַריאַט.

פערציק יאָר איז אַריבער זינט פרידריך ענגעלס איז געשטאָרבן.
וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלן וועג איז אין די דאָזיקע יאָרן דורכגעגאַנגען
די אַלוועלטלעכע אַרבעטער־באַוועגונג, איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע
מענטשהייט! אַפן אָרט פון דער אַלטער, צאַרישער דעספּאָטיע — איז אַ
גרויס לאַנד, וווּ עס בויט זיך דער סאָציאַליזם. עס
פאַלט איין די דורעסדיקע כינעזישע וואַנט: די 400 מיליאָן פונעם
כינעזישן פאָלק זיינען געבראַכט געוואָרן אין באַוועגונג; די פאָן פון
דער סאָוועטישער רעוואָליוציע פלאַטערט איבער זעקס כינעזישע פּראָ־
ווינצן, וווּ עס וווינט ביז 100 מיליאָן מענטשן. אונטערן איינפלוס
פון די דערפאָלגן פונעם סאָציאַליזם אין פּסס"ר וואַקסט און פאַרברייד־
טערט זיך אין דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט די מעכטיקע
באַוועגונג צום סאָציאַליזם צווישן די אַרבעטנדיקע. די בורזשואַזיע פון
די קאַפּיטאַליסטישע לענדער פאַרוויסטעט לענדער און שטעט, לעבט
ווידער אויף די מיטלאַלטערלעכע הענקער־שטיבלעך פאַר די פאַר־
שקלאַפטע פעלקער און זייט אַ שטורעם פון האַס און צאָרן צווישן
אַלע אונטערדריקטע. עס איז ניטאָ דער I אינטערנאַציאָנאַל פון מאַרקסן
און ענגעלסן. דער II אינטערנאַציאָנאַל צעפאַלט זיך, ווי אַ פוילנדיק
געוועב, אָבער די אַרבעט־מענטשן באַהעפטן זיך אַלץ ענגער אַרום
דעם III, דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, דעם אינטערנאַ־
ציאָנאַל פון מאַרקסן און ענגעלסן, פון לענינען און

---

[1] סטאַלין, פּראָבלעמס פון לעניניזם, ז. 51, 10־טע אויפלאַגע.

סטאלינען, דעם אינטערנאציאָנאל פונעם זיגרײַכנ סאָציאליזם אינ פססר, דעם אינטערנאציאָנאל פונ דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע אינ דער גאנצער וועלט. (אפלאָדיסמענטנ.)

„איכ האלט, — האָט ענגעלס געשריבנ אינ 1874 יאָר, — אז דער קומענדיקער אינטערנאציאָנאל — נאָכ דעם, ווי מארקס ווערק וועלנ אינ פארלויפ פונ א ריי יאָרנ ארויסווײַזנ זייער ווירקונג — וועט זײַנ א ריינ קאָמוניסטישער אונ וועט אָנ שום רעזערוואציעס ארויסשטעלנ אונדזערע פרינציפנ”.[1]

דער דאָזיקער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל איז פארטראָטנ דאָ אינ אָט דעם זאל. ער כאפט ארום העכער זעקס צענדליק לענדער, ער האָט מיליאָנעג זײַנע אָנהענגער, וואָס געפינענ זיכ אונטערנ אײַנ־פלוס פונ די קאָמפארטייענ, צווישנ אלע נאציעס אונ ראסנ, אינ אלע עקנ פונעם ערד־קײַלעכ. מארקס אונ ענגעלסעס לערע הערשט אבסאָ־ליוט אפ א זעקסטכיילעק פונ דער ערד, הינטער איר שטייט א מעכ־טיקע מעלוכע, א סאָציאליסטישע ווירטשאפט מיט מיליארדנ־רײַכטימער, הינטער איר שטייט א לאנד מיט 170 מיליאָנ באפעלקערונג. זי, די דאָזיקע לערע, צעשטערט אינ אלע לענדער די קייטנ פונ די שקלאפנ, קעדיי צו באהערשנ די גאנצע וועלט.

באוואָפנט מיט דער דאָזיקער לערע, טראָצ דעם טעראָר, די פײַ־ניקונגענ אונ פארפאָלגונגען, אָרגאניזירנ די קאָמוניסטנ, באהעפטנ, הייבנ אופ צום קאמפ אונ פירנ צום זיג די פראָלעטאריער, די אר־בעטנדיקע, די קאָלאָניאלע שקלאפנ. דער קאָמוניסטישער אינטערנא־ציאָנאל איז געוואָרנ פאר דער מענטשהײַט דער וועגווײַזנדיקער שטערנ אונ רעטונג־אנקער ארויסצורײַסנ זיכ פונ נויט, פאשיזם אונ מיל־כאָמעס.

זאָל לעבנ דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל (שטור-

---

1 מארקס אונ ענגעלס, ווערק, ב. XXVI, ז. 374, ענגעלסעס בריוו צו פרידריכ אלבערט זאָרגע. אונטערגעשטראָכנ פונ מיר. — ד. מ.

מישע אפלאָדיסמענטן) — די גרויסע, אומבאַזיגבאַרע פּאַרטײ פֿון מאַרקסן און ענגעלסן, פֿון לענינען און סטאַלינען!

(די שטורמישע אפּלאָדיסמענטן, װאָס גײען אַריבער אין אַן אָװאַציע, דויערן עטלעכע מינוט. אַלע אין זאַל שטײען אויף. אויסרופן פֿון אַלע דעלעגאַציעס. געזאַנג פֿונעם „אינטערנאַציאָנאַל" און פֿון דער „קאַרמאַניאָלע".)

אינהאלט

זײַט

I. ענגעלס אונ זײַנ ראָליע אינעמ שאפנ דעמ וויסנשאפטלעכנ סאָציאליזמ . . . 3

II. פירער פונעמ פראָלעטאריאט אונ מײַסטער פונ דער פראָלעטארישער טאק־
טיק 16

III. מיר זעצנ פאָר ענגעלסעס ווערק 36

Редактор перевода—Л. Голдберг.
Техред — М. Погостер.
Корректор — М. Иткович.
Сдано в набор 7/IX—35 г. Подписано к печати 20/IX 35 г. Ф. б. 82×110 1/32. 3 п. л. Уп. Главлита Б—12722 „Эмес“ № 158. Тираж 6000.

Тип. „Дер Эмес“, Москва, Покровка, 9. Зак. № 918